STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10117

IDISHE LIEDER

Philip Max Raskin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אידישע ליעדער

פון

פ. מ. ראַסקין

Our sweetest songs are those
Which tell of saddest thought.
Shelley.

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סט., ניו־יאָרק.
1919.

Copyright
by
MAX N. MAISEL
New York, 1919.

אידישע ליעדער

געשענקט
א מתנה.

די ליעדער וואס געהען אריין אין דיעזער זאמלונג זיינען מייסטענטיילס געשריבען צווישען 1900 און 1910. דאס בוך ענט־האלט פיעלע פון מיינע „גהעטא־ליעדער“ (ענגלאנד 1910) און די ליעדער וואס איך האב געשריעבען אין אמעריקא זינט 1915. פיעלע פון די ליעדער, ווי „דוד'ס הארף“, „אויף געיעג“, „מיין גע־בורטס־ארט“, „מה נאה“, „פסח“, „שבועות“ און מאנכע אנדערע, האב איך כמעט גלייכצייטיג געשריעבען אין אידיש און ענגליש. זיי זיינען ערשיענען אין מיינע ענגלישע זאמלונגען “Songs of a Jew” (ארויסגעגעבען אין לאנדאן דורך מר. איזראעל זאנג־וויל, מיט זיינער אן איינלייטונג, אין 1914) “Songs of a Wanderer” (דזשוּאיש פובליקיישאן סאסייעטי אוו אמעריקא, 1915) און “Songs and Dreams” (יעצט אין דרוק) מאנכע פון די דערמאהנטע ליעדער זיינען געשריעבען פריהער אין אידיש און דערנאך אין ענגליש; אנדערע — פארקעהרט. קיינע פון די אבער זאלען ניט באטראכט ווערען אלס איבערזעצונגען.

צום סוף וויל איך נעהמען די געלעגנהייט צו אויסדריקען מיין טיעפסטע אנערקענונג און דאנקבארקייט צום פארשטארבענעם גע־ניאלען שריפטשטעלער „שלום עליכם“ און צו מר. איזראעל זאנגוויל פאר זייער פריינדליכקייט און ערמוטהיגונג. די אינטערעסע וואס זיי האבען אין מיר גענומען מיט ראטה און טהאט וועל איך קיינ־מאל ניט פארגעסען.

פ. מ. ר.

ניו יארק, מאי, 1919.

פון אַ בריעף פון „שלום־עליכם“ צו דער ערשטער אויפלאגע פון „גהעטאָ־ליעדער“

...איך בין געוועזן דער ערשטער, וואָס האָב אייך געהייסען צונויפזאמלען אלע אייערע שעהנע ליעדער, וואָס האבען מיך זיינערצייט באצויבערט, און ארויסגעבען באזונדער אין א ביכעל: און ווי האָב איך געקענט ניט באצויבערט ווערען פון אַזעלכע טיעף־דריגענדע און טיעף־ריהרענדע ווערטער, ווי די, וואָס אין אייער ליעד: „גהעטאָ־מעלאָדיען“ —

> פריינד, פארשאָלטען איז דאָס גהעטאָ,
> און איך פיהל זיין פלוך אויף זיך...
> בלומען וואקסען דאָ, נאָר שפּעטע —
> בליהען שעהן און וועלקען גיך...

אָדער, ווי קען מען גלייכגילטיג געהן פארביי אייערע זומער־ליעדער, וואָס זיינען מלא חן און פול טרויער:

דו בעטסט מיך, געליעבטע, צו זינגען א ליעד דיר,
א זומער־ליעד, ווילסט דו, אַ פרעהליכעס ליעד;
די טרויער־נגונים, ד י א י ד י ש ע ל י ע ד ע ר
זיי מאַכען דיך, זאָגסטו, פאַראומערט און מיעד.

— געליעבטע, דו קענסט ניט די זעעלע פון טרוימער,
פון אידישען דיכטער, וואָס זינגט אין דער פרעמד;
איך קוק אויף די פעלדער, די בלומען, די בוימער,
איך קוק — אין מיין הארץ בלייבט נאָר שטום און
פארקלעמט.

אזוי זינגט נאָר א א י ד י ש ע ר ד י כ ט ע ר. אַ אידישער דיכטער דיכטעט א י ז ד ע ר פ ר ע מ ד א י ד י ש ע נגונים, א י ד י ש ע מעלאָדיעז. אזוי דיכטעט א א י ד י ש ע ר משורר, וועמענס ביאגראפיע עס וועט ביי אייך ארויסגעזונגען אין קורצע, נאָר שאַרפע סטראָפען:

ניט אין שטיפען, פרייד און פרייהייט
איז מיין קינדהייט, פריינד, אוועק;
דאָרטען, וואו איך בין געבאָרען
הערשט נאָר עלענד, נויטה און שרעק.

— — — — — — — — — —

דאָרט, וואו׳ס וואנדלען מענשען־שאַטענס
אין א תהום פון שרעק און נויטה,
לאַנגזאם טויטענדיג דעם לעבען,
אום צו לעבען נאָכ׳ן טויט...

א א י ד י ש ע ר דיכטער, ווען ער רעדט „צו די שטערען", רעדט ער ניט פון פוסטע בענקעניש, פון וואכעדיגע ליעבע, פון א פאר אויגען וואס זיינען איהם געקומען צום חלום און אנגערייצט אויף איהם דעם יצר הרע... ניין. א א י ד י ש ע ר דיכטער דיכטעט אנדערש:

שטערענדלאך אייביגע — הימלישע אויגעלאך,
לאנג איז נאך, זאגט מיר, מיין וועג?
כ'בלאנדזשע אין מדבר אום, זוכענדיג, בייגקענדיג,
כ'זעה ניט קיין אויסוועג, קיין ברעג.

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

איהר נאר, אה צערטליכע שטערענדלאך, בליקענדיג,
הויך פון דעם העל-בלויען ים —
זעהט מיינע טרעהרען דאך, הערט מיינע זיפצען דאך,
פיהלט דאך מיין הערץ מן-הסתם.

איך רעד שוין ניט אייערע טיעף-נאציאנאלע ליעדער, ווי „אוי מה היה לנו" און אייערע ציונס-ליעדער, וואס אין זיי איז אויסגעגאסען א אידיש הארץ, אויסגעוויינט א אידישע נשמה. איך האב מיד מיט אמת-גייסטיגען פארגעניגען אפגעשטעלט אויף אזעלכע פערל ווי:

קומט אהער, אָ קינדער, זעצט זיך
נעבען מיר אנידער — — — — — —
קוקענדיג אויף אייך ווערט פרעהלאך,
כ׳פיהל א קינד מיך ווידער.

אייערע געהעטאַ־ליעדער, מיין ליעבער ראַסקין, וועלען אייך אַוועקשטעלען אין דער רייהע פון אונזערע געקרוינטע פאָלקס־דיכטער. דאַס איז מיין אינערליכע איבערציינונג.

איך ווינש אייך ערפאָלג.

שלום עליכם.

באַדענווייעלער (שוואַרצוואַלד) 15טען אויגוסט, 1910.

*
*   *

אַ אידישע טאָכטער, א בלאַסע, פארקלערטע
מיט אויגען פאר׳חלום׳טע, טיעפע, פארטרעהרטע,

אין טרויער־אַקאָרדען, אין ברענענדע־שארפע
האָט זי אויף אַן אלטער פאררוֹסטעטער האַרפע,

ווען איך בין פארטראכט אין מיין צימער געזעסען
אַ ליעד מיר געשפיעלט, וואָס איך קען נים פארגעסען.

„אָה, אידישער דיכטער, דו זינגסט פאר דיין עולם
און ס׳דאכט מיר א לערכע זינגט אויף א בית־עולם:

עס גיסען זיך קלאנגען ערקוויקענדע, העלע —
עס הערט ניט, עס פיהלט ניט קיין מענשליכע זעעלע.

אַרום און אַרום ליגען קברים פארשפרייטע —
עס וואַכען נים אויף פון איהר טרילען די טויטע...

דיין זינגען, דיין וויינען ווער האָט עס דען נעטהיג,
ווער פיהלט דען אין גהעטאָ דיין פרייד און דיין וועהטאָג

פון יענע ווי מומיען פארגליווערטע מענשען,
וואָס קענען ניט שילטען און קענען ניט בענשען,

וואָס האָבען אין תהום פון׳ם גלות פארלאָרען
געפיהלען פון ליעבע, פון האַס און פון צאָרען...

און ווער איז צו דיר אויב עס האָט דיך געשטראָפט נאָר
דיין גאָט מיט א האַרץ וועלכעס שמערצט נאָר און האָפט
נאָר

און געהט אוים מיט ליעבע צו אַלעס וואָס שעהן איז,
און האַסט און פאראכטעט וואָס קליין און געמיין איז,

און רייסט זיך צו פרייהייט, צו ליעבע און פריעדען —
אָך ווער איז דיר, אידישער דיכטער, ביי אידען...

וועסט עלענד פאַרבלייבען פארלאָזען און אָרים,
וועסט ריידען צו מתים, וועסט זינגען פאר קברים,

און אויסלעשען וועט זיך אין הארצען דיין פייער,
פארברענענדיג אלץ וואָס איז ליעב דיר און טהייער:

דיין גלויבען, דיין האָפען, דיין מוטה און דיין ווילען —
קיין מענשליכעס הארץ וועט דיך קיינמאָל ניט פיהלען...„

צו מיין מוזע

האָסט זיך שטיל צו מיר באַוויזען,
מיך מיט צערטליכקייט באַטראַכט,
און געפּליסטערט: „קינד מיינס, בלומען
האָב איך יעצט פאַר דיר געבראַכט,

בלומען וואָס אין טהוי פון מאָרגען
האָט געפּלעגט א צאַרטע האַנד;
בלומען, ערד'ס די שעהנסטע ציערונג,
ליעבסטער גרוס פון פריהלינג-לאַנד

און מיט דיעזע בלומען-בונטען
שפּרייט איך אויס דיין דיכטער-וועג;
געה אין לעבען, יונגער טרוימער,
געה אָהן צווייפעל און אָהן שרעק

געה אין לעבען גאָטס-געבענשטער,
זינג דיין הערליכעם געדיכט,
זינג א ליעד, א ליעד פון יוגענד,
זינג פון ליעבע און פון ליכט!"

* *

*

שווער מיין גורל איז געפאלען,
שנעל מיין יוגענד האָט פארשוועבט,
און קיין ליעד פון דופט און שטראהלען
האָב איך קיינמאָל ניט געוועבט;

יעדער שטראהל וואָס מיר באווייזט זיך
איז אין וואָלקען איינגעהילט,
און א שווערער זיפץ נאָר רייסט זיך
פון מיין הארפע ווען זי שפיעלט...

ניט קיין צויבער-זיסע קלאנגען,
ניט קיין יוגענד'ס-גליק און פרייד,
אין די ביינקענדע געזאנגען
פליסט א שטראם פון גלות-לייד.

אייביג רופט צו מיר א שטימע:
זעה — דיין פאָלק פון גלות מיעד!
אָפּגעשטעמפּעלט מיט זיין חתימה
האָט דער גלות יעדעס ליעד...

*　　*

*

מוזע, נעהם די בלומען דיינע,
כ'האָב זיי ניט געברויכט ביז איצט;
פאר די גלות-ליעדער מיינע
האָב איך בלומען ניט געניצט.

ווילסטו א מתנה שענקען —
שענק מיר, מוזע צויבער־קראפט,
וואָס קען מאכען פיהלען, דענקען,
די וואָס אַארט ניט זיין פארשקלאַפט.

ניין, ניט בלומען־ליעדער שטילע —
ליעדער הייסע ווי אַ פלאַם,
ליעדער טרייע ווי א תפילה,
ליעדער טיעפע ווי א ים;

ליעדער שטאַרקע ווי א שטורעם,
אַז מיין מעכטיגעם געזאנג
שטירצען זאָל דעם גלות־טהורעם,
שמעלצען זאָל דעם שקלאפען־צוואנג!

ליעדער, העלע, הייסע, שארפע
וואָס אין זיי א פייער גליהט...
אויב דו שענקסט מיר אַזאַ האַרפע —
שפיעל איך גערען דאַן מיין ליעד...

אַ בעטלער׳ס ליעד

עס דופטען די בלומען — דאָך וועלקען זיי באלד
פון קעלט און פון שניי און פון רעגען ;
עס מורמלען די קוואלען — דאָך פרירען זיי באלד—
עס קומט זיי דער ווינטער אַנטקעגען.

עס שמייכעלט די שענהייט—דאָך אָבער ניט לאַנג—
באלד ווערען פארלאָשען די אויגען ;
חלומות פון יוגענד, פון ליעבע, פון גליק,
ווי וואָלקען שנעל ווערען פארפלויגען...

* *
*

און אן עכאָ טראגט זיך אימער
איבער באַרג און טהאָל און וואלד :
„צארטע בלום וועסט שנעל פארוועלקען,
גרינער בוים, דו דארסט אויך באלד !

שעהנעם קינד, וועסט גיך פארבליהען.
יונגעם קינד, וועסט ווערען אַלט ;

זומער־לעב, דו מוזט אנטלויפען:
ס׳קומט דער ווינטער בייז און קאַלט!״...

און די טרויעריגע עכאָ
טראָגט זיך ווייט־ווייט ווי א ווינד;
ווער עס הערט זי באלד פארטראכט זיך
און זיין מונטערקייט פארשווינדט.

*　　*
*

ס׳דרינגט דער קלאנג אין יעדענס הארצען,
נאָר מיין הארץ באריהרט ער ניט;
איך בלייב רוהיג: כ׳וועל ניט וועלקען —
איך האָב קיינמאָל ניט געבליהט.

ס׳שרעקט מיך ניט דער בייזער ווינטער —
כ׳האָב קיין זומער ניט געזעהן,
איך קען קיינמאָל אלט ניט ווערען —
איך בין יונג נאָך ניט געוועזן.

כ׳בין געבאָרען אין דעם גהעטא,
דאָרט מיין יוגענד האָט פארשוועבט,
איך קען קיינמאָל, קיינמאָל שטארבען —
איך האָב קיינמאָל ניט געלעבט...

מיין געבורטס־אָרט

נים אין שטיפען, פרייד און פרייהייט
איז מיין קינדהייט, פריינד, אוועק ;
דאָרטען וואו איך בין געבאָרען
הערשט נאָר עלענד, נויטה און שרעק.

דאָרט וואו לאנגזאם ווערט פארלאָשען
יעדער פונק פון לעבענס-ליכט,
און וואו קין׳ס וואנדער־צייכען
שוועבט אויף יעדערענס געזיכט ;

דאָרט וואו׳ס וואַנדלען מענשען־שאָטענס
אין א תהום פון שרעק און נויטה,
לאַנגזאם טויטענדיג דאָס לעבען,
אום צו לעבען נאָכ׳ן טוידט...

דאָרט וואו׳ס דארבען יונגע כחות,
הימעל שיקענדיג א פלוך,
וואו דאָס לעבען ליעגט פארגליווערט
אין די בלעטער פון אַ בוך...

וואו אין קייטען דער געדאַנק איז
און דער פרייער גייסט געשמידט,
וואו אַלץ עלטערט אָהנע יונג זיין
און אַלץ וועלקט בעפאָר עס בליהט, —

אין דעם איינגען, פינסט׳רען געהעטא,
אין א תהום פון נויטה און שרעק, —
דאָרטען, פריינד, בין איך געבאָרען
און מיין יוגענד איז אַוועק.

דעמערונג

דעמערונג שפּרייט זיך אַרום מיר;
איינזאַם שפּאַציער איך פאַרטראַכט;
ס׳גוסס׳ט דער טאָג אויף די בערגער,
ס׳שפּראָצט אין די טהאָלען די נאַכט...

ס׳זאָגט אָן אַ ווינדטעל דעם אבענד,
די ערד אַ פאַרמאַטערטע רוהט;
ס׳הייגט אין דער לופטען אַ בענקשאַפט —
איך אָבער פיהל מיך איצט גוט...

ס׳קימערט מיך ניט וואָס אַ טאָג שטאַרבט
און שלעפּט אַ שטיק לעבען אויך מיט —
דער טאָג פון מיין לעבען האָט אפשר
איין איינציגע מעלה — ער פליהט...

זאָלען זיי פליהען וואָס שנעלער
העלע און גליהענדע טעג,
שנעלער צום דעמערונגס־אָפּגרונד,
שנעלער צום סוף פון מיין וועג.

טעג מעגען אַנדערע ליעבען
איך ליעב אם בעסטען די נאַכט:
נעכט קענען בענקען און טרוימען,
קענען ווי איך זיין פארטראכט.

נעכט האָבען סודות, חלומות —
טעג ווייסען קיינמאָל דערפון;
ס'רייניגען שטערען אוים הערצער
וואָס עס פאראונרייניגט די זון...

כ'קוק אויף די בוימער וואָס האָבען
נאָר־וואָס געשאָטען מיט גאָלד;
ס'פרעהט מיך צו זעהן זיי יעצט ערנסט,
ווי ס'וואָלט זיך זיי ווייגען געוואָלט...

בוימער און בלומען וואָס לאַכען,
הימלען וואָס בלענדען מיט שיין,
וואָס האָבען זיי פאר א שייכות
מיט א נשמה פון פיין?

כ'פיהל מיך ביי טאג אזוי עלענד,
דער הימעל מיין אומעט צוגליהט...
די נאכט איז מיין פרייד און מיין חבר —
זי פיהלט און זי בענקט מיט מיר מיט.

ליעב האָב איך דעמערונגס־שטונדען —
כ׳זעה אין דער וועלט דאמאָלס זיך;
כ׳זעה אַז די ערד און דער הימעל
קענען אויך טרוימען ווי איך...

דעמערונג לעבט אין מיין הארצען,
דעמערונג שפּייזט מיין געמיטה;
וועב איך דאן שטילע חלומות —
וועבט אויך די וועלט מיט מיר מיט...

אַ בעטעלר'ס ליעד

האָט איהר ווען געזעהן א בעטלער
אין אַן אָסיען-נאַכט ביים וועג,
ווען דער הימעל איז פארכמאַרעט,
און די נאַכט איז פול מיט שרעק.

ביימער שאָקלענדיג די צווייגען
בייזע גייסטער זעהען אוים,
ס'איז דער וואַלד געהילט אין חושך,
ס'שיינט קיין שטראַהל ניט פון קיין הויז.

קאלט דער ווינד — ער כליפעט וואָיעט
ווי אַ וואָלף אין שווארצען וואלד...
עלענד, איינזאם ליעגט דער בעטלער,
אימת-מות אויף איהם פאַלט.

ער וואָלט אפשר, וויינען, קלאָגען ——
הערען וועט דאָך קיינער ניט,
און זיין אומעט צו דערשטיקען
פאַנגט ער אָן אין וואלד א ליעד...

איך בין אָפּטמאָל ווי דער בעטלער
ווען מיין נאַכט איז קאַלט און לאַנג:
מיינע טרעהרען צו דערשטיקען
ברעך איך אוים אין א געזאַנג...

אבענד־קלאַנגען

יעדעס מאָל ווען איך זעה, אז עס לעשט זיך
די זון אין דעם שטראָם פון דער נאַכט,
און די וואָלקענס דערשראָקענע, בלאַסע,
שטעהען הילפלאָז און קוקען פארטראכט,
דאמאלס פיהל איך, אז אין מיין נשמה
א טרויער א טיעפער ערוואכט.

ווייל איך ווייס אז די העלע חלומות,
וואָס האָבען מיין יוגענד באשטראהלט,
וועלען אויך אין דעם אבענד פון לעבען
פערוועלקט זיין, און דונקעל, און קאַלט,
ווייל א יוגענד־זון, ווייס איך, געהט אונטער,
א יוגענד־הארץ, ווייס איך, ווערט אַלט.

און מיין זיפץ אויף די פליגלען פון אבענד
הויך־הויך צו די וואָלקענס דאַן פליהט,
פאר די זונען וואָס זיינען פארלאָשען,
פאַר די בלומען וואָס האָבען פארבליהט,
פאר די פריהלינגס, און יוגענדס, און טרוימען
וואָס געהען און קומען מעהר ניט...

זעהנזוכט

אָפּט אין מיינע אווענד-טרוימען,
ווען איך געה ארום פארטראכט,
שוועבט מיין גייסט אין יענע רוימען,
וואו עס טאָגט, ווען דאָ איז נאַכט...

וואו די זייד׳נע פעלדער דרימלען,
צאַרט געגלעט פון מאָרגען-ווינד,
צו זיי שמייכלען העלע הימלען,
ווי א מוטער צו א קינד.

וואו א חלום אויסגעגאָסען
ליעגט אויף בארג און טאָהל און בוים,
וואו פארזיעגעלט און פארשלאָסען
האַלט דער הימעל פעסט זיין טרוים...

וואו פון זאַגען און פון סודות
איז די קלאָרע לופט געוועבט,
וואו די היילען זאָגען עדות,
אז עס האָט מיין פאָלק געלעבט...

דאמאלס פיהל איך, אז מיין זעעלע
אויף א ווייל איהר פיין פארגעסט,
און זי ציהט זיך צו איהר קוועלע,
ווי א פייגעל צו זיין נעסט...

מאַטיוועו

1.

גאַסען מיט ליכט פון עלעקטרי בעגאָסענע,
הילכיגע שטימען ארום:
ווער קען מיר זאָגען וואָרום אין מיין הארצען איז
אומעטיג, איינזאַם און שטום?

2.

כ׳בין א מיעדער איינגעשלאָפען,
און ווען כ׳האָב ערוואַכט
האָט איין־איינציג בלאַסער שטערען
קוים בעשטראהלט די נאַכט.

ווער דען ווייס ווי לאַנג געדויערט
האָט מיין מיעדער שלאָף?
צי דער שטערען איז דער אָנפאַנג
צי פון נאַכט דער סוף?

3.

כ'וואַנדער אום אין גאַס אליין,
מיין הארץ ווי שווער, ווי מיעד איז!
איך האָב קיין חבר און קיין פריינד —
איין חבר נור מיין ליעד איז...
זאָל איך פערטרויען איהם מיין סוד,
און איהם מיין שמערץ ערקלערען,
אז ס'נאָגט און זיפצט א דיכטער'ס האַרץ
וואו קיינער קען ניט הערען!...

דאָס צויבער־ליעד

בין מנחה למעריב, ווען ס׳פורפורט די זון
אונ קרייזעלט די לאָקען פון בוימער,
ערוואכט דאן א בלאָהע, פער׳כשופ׳טע וועלט
אין בענקענדען הארצען פון טרוימער.

און זיידענע הימלען פון סודות געוועבט
באַציעהען אונענדליכע רוימען,
און פעלדער און טהאָלען וואָס זיינען געהעפט
פון טרוימען, און טרוימען, און טרוימען...

אונענדליך איז יענע פער׳כשופ׳טע וועלט,
זי האָט ניט קיין ערדישע גרענצען,
און קעניג איז דאָרטען דער טרוימער אליין —
דאָרט הערשען קיין אנדערע מענשען.

געהאָרכזאם דעם טרוימער איז הימעל און ערד —
די גאַנצע נאַטור מוז איהם פאָלגען:
און חלומ׳ט ער פרייד — צינדען שטערען זיך אָן,
און — טרויער — פארשפרייט זיך א וואָלקען...

און גיט ער אַ זיפץ — קלינגען אָב אין דער נאַכט
די עכאָס פון הערצער באטריעבטע,
און זינגט ער אַ ליעד — צינדען אָן זיך מיט לוסט
און ליידענשאַפט הערצער פארליעבטע;

פארטראכט ער זיך—ווערען די פויגעל אין וואלד,
די שטראָמען און קוואַלען אנטשוויגען;
און שמייכעלט ער — וועבט זיך אַ שמייכעל פון גליק
אויף קינדערשע ליפּען אין וויעגען.

און איינזאם שפּאציערט ער, דער טרוימער, ביז וואן׳
ער קומט צו פער׳כשופ׳טע ים׳ען,
וואו שטיפעריש באָדען זיך פעען אָהן צאָהל
און שפּיעלען מיט גאָלדענע פלאַמען.

און דאָרט, וואו די וועלען פון ריינעם קריסטאַל
באגעגנען זיך, מורמלען און שוימען
פארשפּרייט ער אַ זילבערנע נעץ און ער פאַנגט
נור טרוימען, און טרוימען, און טרוימען...

נור ווען ער דערמאָהנט זיך דעם קאמפף און דעם רויש,
די גראָהע בייטאָגיגע שטונדען,
דאן כאַפּט ער זיך אויף פון פער׳כשופ׳טען שלאָף —
זיין צויבער-וועלט פלוצלונג פארשוואונדען.

ביי נאכט

...און מאנכמאָל שפּאַציער איך אין אבענד,
און ס'דוכט מיר די וועלט איז א טעמפּעל:
די לבנה שיינט הויך — א נר תמיד,
אן אייביגער געטליכער לעמפּעל...

דער הימעל — א בלויער פּרוכת,
באזעצט פול מיט שטערען-אלמאזען.
עס דאוונען די בלומען, די בוימער —
דער נאַכטיגאל איז זייער חזן...

אויף פעלדער, אויף בערג און אין טהאָלען
א הייליגען גייסט פיהל איך שוועבען;
ארום מיר ליעגט אויסגעשפּרייט אָפען
א ספר פון אייביגען לעבען...

עס גיסט זיך א הייליגע תפלה,
די גאַנצע נאַטור איז מתפלל;
עס זינגט יעדע גרעזעלע שירה,
עס זאָגט יעדע בלימעלע הלל...

עס דאַוונט מיט חשק דער קהל —
די וועלדער, די פעלדער, די שטראָמען;
דאָס הארץ מיינע מורמעלט א ברכה —
די גאַנצע נאַטור ענטפערט „אמן“...

צו די שטערען

שטערענדלאך אייביגע — הימלישע אויגעלאך,
לאַנג איז נאָך, זאָגט מיר, מיין וועג?
כ׳בלאָנדזשע אין מדבר אום, זוכענדיג, בייִנקענדיג,
כ׳זעה ניט קיין אויסוועג, קיין ברעג.

מענשען זיי האָבען דערוויטערט, פארשטויסען מיך,
שווער איז צו שטימען מיט זיי...
איינער אליין בלאָנדזשע איך אין א מדבר אום,
איינער אליין מיט מיין וועה.

איהר נאָר, אָה צערטליכע שטערענדלאך, בלינקענדיג
הויך פון דעם העל-בלויען ים —
זעהט מיינע טרעהרען דאָך, הערט מיינע זיפצען דאָך,
פיהלט דאך מיין הארץ מן-הסתם.

זאָגט-זע מיר, ערליכע, זאָגט ווי לאַנג וואָגלען נאָך
איז מיר אין מדבר באשערט;
קען איך ווי איהר בלייבען אונבאפלעקט, אונשולדיג
דאָ אויף דער פינסטערער ערד?

שטערענדלאך ליכטיגע — אַך ווי זיך אויפהויבען
הויך צו אייך וואָלט איך געוואָלט;
כ׳ווייס אייער שיין איז א ריינער, ניט־ערדישער,
ניט קיין געוועבטער פון גאָלד...

זעהט ווי איך בלאָנדזשע אום, בייַנקענדיג, זוכענדיג —
כ׳זעה ניט קיין אויסוועג, קיין ברעג,
שטערענדלאך הימלישע, שטערענדלאך אייביגע,
צייגט מיר, אָה, צייגט מיר א וועג...

בענקשאַפט

און מאַנכעס מאָל פיהל איך, ווען ס'וואָלטען
בײ מיר פלוצלונג אויסוואַקסען פליגעל,
וואָלט איך ווי אַן אָדלער געפלויגען
אהיים צו מײן קינדערשער וויעגעל.

איך ווײס, אז מײן מאַמע וועט מעהר ניט
פארוויעגען מיך, ווײנענדיג, ליעדער;
איך ווײס, איהרע ווארימע ליפען
זײ וועלען ניט קושען מיך וויעדער.

די בליקען דעם טאַטענס ניט מעהרער
מיט ליעבע און שטאָלץ וועלען לײכטען;
ניט מעהר וועט דער זײדע מיט טרעהרען
די זײדענע לאָקען באפײכטען...

מײן קינדערשע היים, ווי מײן יוגענד,
איז לאַנג שוין, איך ווײס, און רואינען;
איך וועל איך דעם היים, ווי אין לעבען,
קײן פיהלענדעם הארץ מעהר געפינען.

איך ווייס, אז איך ליעב דאָרט מעהר קיינעם,
אז קיינער וועט מיך דאָרט מעהר ליעבען;
די נעסטט איז פון שטורם לאנג חרוב,
די פייגעלאך לאנג שוין צוטריבען...

דאָך געהט אוים דאָם הארץ מיר פאר בענקשאפט,
האָטש אויסוויינען דאָרט וואָלט איך גערען
פון גרונד פון פארוואונדעטען הארצען
די לעצטע — די הייליגסטע טרעהרען...

„מה נאה“

החולך בדרך... ואומר מה נאה אילו זה,
מה נאה ניר זה — הרי הוא מתחייב בנפשו,
פרקי אבות.

ס'האָט מיין רבי מיר פאַרבאָטען:

“ווען דו געהסט אין פעלד, אין גאָרטען
פריהלינג־צייט, מיין קינד,
זאָג ניט: „אַך, ווי שעהן איז דאָרטען“!,
היט זיך — ס'איז א זינד.
„אלץ אין לעבען בלויז א טרוים איז —
פאַלש איז גליק און פרייד:
—„אַך, ווי שעהן דאָס פעלד, דער בוים איז“ —
זיינען פוסטע רייד.“

*   *

*

כ'פאָלג מיין רבי'ן, כ'געה אין גאָרטען —
דאָרט איז פריש און קיהל;
כ'זאָג ניט; „אַך, ווי שעהן איז דאָרטען“
נאָר איך פיהל, איך פיהל...

כ׳פיהל דעם מילדען ווינטעל בלאָזען
צערטלענד מיין געזיכט;
כ׳פיהל דעם נעקטאַר פון די גראָזען,
כ׳פיהל א שטראָם פון ליכט.

כ׳פיהל דעם בלויען ים — דעם הימעל
הויך איבער מיין קאָפּ,
כ׳פיהל, א זיסער, מילדער דרימעל
קומט אויף מיר אראָפּ.

כ׳הער א א וואונדערפולען שטילען
מורמעל איבעראל;
כ׳רעד קיין וואָרט, נאַר די געפיהלען
שלאָגען ווי א קוואַל.

כ׳הער עס סוד׳ען זיך די זאַנגען
און פארשטעה די שטים...
אין א ים פון העלע קלאַנגען
דוכט זיך מיר איך שווים...

אלע פאַלטען פון מיין זעעלע
עפ׳נען זיך מיט לוסט:
פון נאַטור — דער ריינסטער קוועלע —
דורשטיג טרינקט מיין ברוסט.

כ׳געה אין גאָרטען... טיעפע סודות
פיעל ענטדעק איך דאָרט,
נאָר איך בלייב א שטומער עדות,
כ׳היט זיך, כ׳רייד קיין וואָרט.

רבי! כ׳פאָלג אוים דיין צוואה:
כ׳רייד ניט, איך בלייב שטיל;
קיינמאָל זאָג איך ניט „מה נאה“,
נור איך פיהל, איך פיהל...

מיין מאַמע

מיר האָט זיך גע׳חלום׳ט, אַז איך בין געלעגען
פערחלש׳ט און איינזאַם און שוואַך;
מיין מאַמע — מיך וואונדערט — זי קומט גאר ניט פרעגען,
זי קומט גאר ניט זעהן וואָס איך מאַך.

„וואָס קומסטו ניט, מאַמע, ווי קענסטו זיך זאַמען —
דיין קינד איז צו דיר דאָך געוועהנט...“
נור כ׳האָב זיך דערמאָהנט, אַז איך האָב ניט קיין מאַמען
און האָב שטילערהייד זיך צוואויינט...

און טרייסטען און היילען דעם עלענדען טרוימער
געשיקט די נאַטור האָט דאַן באַלד
אי דופטענדע בלומען, אי בליטהען פון בוימער,
אי גראָזען פון פעלד און פון וואַלד.

אי קוויקענדעס וואסער פון זילבערנע קוואַלען,
פון זיסע געווירצען דעם דופט,
אי פייגעל־געזאַנגען, אי גאָלדענע שטראַהלען,
אי זאַנפטע קריסטאָלענע לופט.

זיי זיינען אריין אין מיין איינזאמען צימער,
געקושט מיך, געהאַלזט און גערעדט:
„דו ליעבסט דאָך אונז, טרוימער, באזינגסט דאך אונז אימער
— שטעה אויף, קום אראָב פון דיין בעט.

מיט אונז קום אין וואַלד און אין גאָרטען! מיר וועלען
דיך היילען מיט ליעבע און לוסט;
וואו בלימעלאך דופטען און שטראָמעלאך קוועלען
דאָרט לעבט אָב דיין עלענדע ברוסט.

אין קוויקענדען דרימעל
די ערד און דער הימעל
פארוויעגען דיך וועלען דאָרט באַלד;
די זון וועט דיר לייכטען,
א זיסען, א פייכטען
א לעבענס-זאַפט בריינגען דער וואַלד.

דעם ווינדטעלע׳ס וועהען
דיין ברוסט וועט ערפרעהען
פעריאָגען פון טרויער דעם שפור;
אָה קום צו דיין גוטער,
דיין צערטליכער מוטער,
דער הערליכער מילדער נאַטור!

און ס׳צינדט זיך דער הימעל אין פארביגע פלאמען,
און איך קוק ענטציקט און ערשטוינט...
נאָר כ׳האָב זיך דערמאָהנט, אַז איך האָב ניט קיין מאמען—
און האָב שטילערהייד זיך צוואויינט...

טרויער

עס האָט מיר מיין מאַמע א וויעג־ליעד געזונגען,
איך וויים ניט פון וואנען דאָס ליעד האָט געשטאַמט;
איך וויים נאָר, עס האָט מיינע אייגענע ליעדער
מיט טרויער אויף אייביג פער׳סמ׳ט.

צי איז ער, דער טרויער, געווען אין די ווערטער,
צי איז ער אין נגון געווען, צי אין קול,
צי אפשר אין טרעהר וואָס אין אויג האָט געציטערט—
דאָס וועל איך ניט וויסען קיין מאָל.

די ווערטער — איך האָב זיי דאָך קיינמאָל פארשטאַנען;
דעם נגון — איך האָב איהם פארגעסען שוין לאנג;
די טרעהר איז פארטריקענט, דאָס אויג איז פארלאָשען —
דאָך לעבט נאָך דער טרויער־געזאנג.

און וויל איך וועז טרוימען פון יוגענד און ליעבע,
און וויל איך וועז זינגען פון רוהע און פריעד,
רייסט אָב זיך אין הארצען פון וויעג־ליעד אן אָבקלאנג
און מישט אוים מיט טרויער מיין ליעד...

צו מיין לעבען

און מאַנכעסמאָל טראכט איך ; אָה לעבען,
אָה צוועקלאָזעס, גרויזאַמעס לעבען !
דו האָסט ביי מיר יאָהרען גענומען
און מיר נאָר מינוטען געגעבען...

אין גליקליכע לעבענס-מינוטען
ווי אָרים איך בין, אַך ווי אָרים...
און יאָהרען, אָה לאנגע און פיעלע,
פארוואנדעלט האָסטו מיר אין קברים.

צו ווייניג האָסטו מיר געליהען,
צו טהייער מאָהנסטו פאר די חובות !
און ווילסטו דיין אונרעכט באגרייפען —
אָט לעז איך דיר מיינע מצבות :

„פה נטמן — אָט דאָ ליעגט מיין קינדהייט,
געשטאָרבען פריהצייטיג, אָהן לשון...
א רגע געצאַנקט ווי א ליכטעל
און שטיל ווי א ליכטעל פארלאָשען...

„פה נטמן“ — אָט דאָ ליעגט מיין יוגענד,
אונשולדיג א קרבן געפאַלען
פון לעבען אין פינסטערען געהטאָ
אָהן ליכט און אָהן לופט און אָהן שטראַהלען...

איך לעז זיי די שטומע מצבות,
איך לעז זיי, ווי הייליגע שמות;
„פה נטמן“ — אָט דאָ ליעגט באגראָבען
א בינטעל פון לעבענס-חלומות...

און אָט איז א קבר א נייער,
א קבר, וואָס איז נאָך האַלב-אָפען...
און דאָ ביזטו לאנגזאם מקבר
מיין שטרעבען און גלויבען און האָפען...

צו וועניג האָסטו מיר געליהען,
צו טהייער מאָהנסטו פאר די חובות;
און אלע מאָל קומען צו מעהרער
אלץ נייע און נייע מצבות...

דער טרוימער

ניט פרעגט מיך, ניט פרעגט מיך די סבה
פאר וואָס איך זעה אוים אזוי בלאַס;
אין הארצען אן אוצר פון ליעבע
טראָג איך אין א וועלט פול מיט האַס.

איך קען מיט דער וועלט זיך ניט איינען
די מענגע — זי בלייבט צו מיר פרעמד;
זי לאַכט, ווען עס ווילט זיך מיר וויינען,
זי שפּאַסט, ווען מיין הארץ איז פארקלעמט.

דער זינלאָזער קאמפּף פון דעם לעבען;
ער שיינט מיר צו גרויזאם, צו שאַרף;
די ערד וויל א שווערד מיר נור געבען,
איך פאָדער פון הימעל א האַרף...

דער העל־בלויער הימעל מיין היים איז —
און וויינענדיג וויי‌הן איך אויף דר׳ערד...
און בוי איך א שלאָס פון חלומות —
באלד ווערט ער פון לעבען צושטערט.

מיין האַרץ טראָגט א הייליגען גלויבען
אין פאַרשריט, אין ליכט און אין גליק,
און ס׳דוכט מיר די זון דונקעלט אויבען,
און ס׳דוכט מיר די וועלט געהט צוריק...

* *
*

ניט פרעגט מיך, ניט פרעגט מיך די סבה
פאר וואָס איך בין עלענד און בלאַס;
איך חלום פון ליכט און פון ליעבע,
וואו פינסטערניש הערשט נאָך און האַס...

מיין וועלט

און מאָהל איך א וועלט אויס אין חלום
פון ליעבע, פון פרייד און פון גליק —
באַציערט זי א זיעג-קראַנץ פון שלום,
ניט שטאָלצע טראָפּעען פון קריעג.

קיין קאָסטבאַרער פּאַלאַץ מיין וועלט איז,
קיין אויסגעציערט-פּרעכטיגער זאַאל,
מיין גליקליכע היים א געצעלט איז
טיעף ערגעץ אין וואַלד ביי א קוואַל.

דאָרט שיינט ניט קיין גליהענדער הימעל,
קיין זון אין איהר שטראַהלענדער פּראַכט;
דאָרט רוהט די נאַטור ווי אין דרימעל,
פאַר'חלום'ט ווי פריהלינג פאַר-נאַכט...

פון פּויקען און האַרפּען קיין קלאַנגען
מיר ברייגנט ניט מיין גאָלדענער טרוים;
א ווינטעלע רוישט אין די זאַנגען,
א פייגעלע זינגט אין א בוים...

מיין ברוסט ניט פארצעהרט ווערט פון פייער,
פון ליידענשאַפט שטירמיש און ווילד;
א פרוי, ווי א פריינד א געטרייער,
באַוואַכט דאָרט און צערטעלט מיך מילד.

און מאָהל איך מיין וועלט אויס אין חלום,
און מאָהל איך מיין גליק אויס אין טרוים,
דאַן לעב איך א לעבען פון שלום,
ביין בלום און ביין קוואל, און ביים בוים...

די זינגענדע גע̇טין

אַן אַלטע לעגענדע דערצעהלט אונז
גע̇ווען איז אַפּעליע — א גע̇טין,
זי האָט אין א שטראָם זיך געטרונקען,
געקענט האָט זי קיינער ניט רעטען.

דאָך זינקענדיג טיעפער און טיעפער
אין רוישענדען, שוימענדען שטראָם
א וואונדער־ליעד האָט זי געזונגען
און קלאַנגען געגאָסען פון תהום.

און הערליך דאָס ליעד האָט געקלונגען,
פול פרייד און פארבאָרגענעם צויבער,
און ווער ס'האָט געהערט, איז געוואָרען
אין אייביגען לעבען א גלויבער...

איך טראַכט אָפט פון דיעזער לעגענדע,
ווען כ'קוק אויף מיין לעבען צוריק:
צי בין איך ניט יענע אָפעליע,
וואָס טרינקט זיך און זינגט דאָך פון גליק?

מיין הארץ

מיין הארץ איז א צווילינג
פון טאָג און פון נאַכט
פון אָסיען און פריהלינג
פון חשך און פראַכט.

באַלד לייכט דאָרט און וואַרימט
א הימלישער פלאַם;
באַלד רוישט דאָרט און ליאַרעמט
א שטורמענדער ים.

באַלד גליהט עס ווי זומער
און שמייכעלט און שטראַהלט;
באַלד שמאַכט עס אין קומער
פארדונקעלט און קאַלט...

און מענשען זיי זיינען
מיר ליעב ווען איך שפיר,
אז זון־שטראהלען שיינען
אין הארצען ביי מיר.

דאַן וויל איך אומאַר'מען
די וועלט צו מיין ברוסט,
זי צערטלען און וואר'מען
מיט ליעבע און לוסט.

נור נעהמען זיך קלייבען
די וואָלקענס, די פרעסט,
דאן וויל איך פארבלייבען
אָהן פרעמדע, אָהן געסט.

עס זאָלען קיין פרעמדע
ניט זעהן ווי פארצאַגט
מיין הארץ א פארקלעמטע
איהר פריהלינג באקלאָגט...

צו א בעטלער

דו בעטעלסט ביי מיר א נדבה,
אונ ציטערנדיג קוקסטו זיך אום,
איך גיעב דיר, נאָר זאָג דיר דעם אמת —
מיין האַרץ בלייבט, דיר געבענדיג, שטום.

וועסט סיי ווי ניט אויסגעהן פון הונגער,
ניט פרירען אין קעלט אָהן א דאַך;
אזוינע ווי דו, ווייס איך, לעבען
אויף גאָט׳ס ערד אביונים א סך...

ביזט מיעד, זאָגסטו, הונגעריג, דורשטיג,
דו ציטערסט פון קעלט ווי א בלאַט;
א גראָשען, א קופּערנער גראָשען
מאַכט וויעדער דיך גליקליך און זאַט.

אַך, רייכער פון מיר ביזטו, ברודער,
ווי ווייניג, ווי ווייניג דיר פעהלט;
אַ גראָשען, א קופּערנער גראָשען,
און מיר — אן אונענדליכע וועלט!

דו בײנקסט נאָך א רוהיגען װינקעל,
אוּן איך, אך װי גאָר איך אוּן בײנק
נאָך ליכטיגע הימלען אוּן זוּנען —
די ערדישע װעלט איז מיר אײנג...

נוּן זײנען מיר בײדע אביונים,
דאָך קוּק איך אויף דיר אוּן איך קלער:
װי לײכט איז דײן הוּנגער צוּ שטילען,
אוּן מײנעם — װי שװער, אך, װי שװער...

אַ ליעד

אָט געהט אראָב דער דיכטער
מיט אונזיכטבאַרע טריט
אַין ים פון לעבען, פערעל
צו קלייבען פיר זיין ליעד:

אַ מוטער'ס טרעהר, א תפילה,
א שמייכעל פון א קינד,
א סוד פון יונגע הערצער,
ווען ליעבע'ס טרוים בעגינט.

ער קען די שפּראַך פון הארצען,
ער הערט די זעעלען-שטים,
און טיעף אין זיין נשמה
שטראַמט אויף א ליעד ביי איהם.

א ליעד וואָס לייכט און וואַרימט.
און שפּיזט דורך ווי א שטראַהל;
א ליעד וואָס פליסט פון הארצען,
ווי פון א פעלז א קוואַל;

א ליעד וואו יעדער קלאנג איז
א פונק פון זעעלען־פלאַם,
און יעדעס וואָרט — א פערעל
פון גרונד פון הארצען־ים...

און דורשטיג טרינקט דער וואנד׳רער
פון לעבענס־מדבר מיעד,
ווי קוויקענד־פרישעס וואַסער
דעם דיכטער׳ס הארצען־ליעד.

דאָס ליעד פון אונשולד, ליעבע,
פון פרייד און לעבענס־לוסט
קלינגט אָב אין יעדער זעעלע,
אין יעדער מענשען־ברוסט.

און זאָגען זיי דיר...

...און זאָגען זיי דיר, אז רעגיערען
וועט אייביג נאר גוואַלדטהאַט און רויב,
די מענשהייט אין חושך וועט איררען, —
ניט גלויב, ליעבער פריינד, אָה, ניט גלויב!

זיי זיכער, די מענשהייט ערמיעדען
וועט קעמפפענד, ווי חיות, אָהן צוועק;
דער בלוט־ים וועט אויפהערען זיעדען,
וואָס שיינט אָהן א ברעג, אָהן א דעק...

זיי זיכער, ס'וועט ענדליך ערמיעדען,
פון אייגענעם אונזין געקוועלט,
די מענשהייט זיך קייטען צו שמיעדען
און מאַכען א פעסטונג די וועלט.

ס'וועט קומען א טאָג, און א נייע,
א גליקליכע וועלט וועט פארשטעהן;
ווי גרויס איז א מענשהייט א פרייע, —
פארקנעכטעט — ווי אָרים, ווי קליין...

מיין יוגענד

די עלטער איז געגאנגען
פארטרויערט און פארטראכט
אין פעלד אויף קבר־אבות
אין דונקעל־שטילער נאַכט.

און לאַנג האָט זי געבלאָנדזשעט
אין ווייטען טויטען פעלד,
און ביי מיין יוגענדס־קבר
האָט זי זיך אָבגעשטעלט.

און מיט א שטילען שלוכצען
צו איהם זיך איינגעבויגט,
און אויף מיין יוגענדס־קבר
א בלומען־קראַנץ געלייגט.

און שטילע, שטילע טרעהרען
געגאָסען אָהן א שיעור,
און טרויעריגע לעגענדען
דערצעהלט פון לעבען מיר.

פון ליעבע'ס צאַרטע בלומען
וואָס לעבענס-שטורם פליקט,
פון הימלישע חלומות
וואָס קאַלטע ערד דערשטיקט;

פון העלע האָפנונג-שטראַהלען
פארשלונגענע אין נאכט,
פון אָפּגעהאקטע פליעגעל,
און שטרעבונגען אָהן מאכט;

פון וואונשען ניט עררייכטע,
פון ווילענס אָהן א צוועק,
פון יונגע שעהנע לעבענס
וואָס פליהען שנעל אוועק...

און נאָך און נאָך געשיכטען
האָב איך פון איהר געהערט...
און שטום בין איך געשטאַנען
פארוואונדערט און פארקלערט,

און שטום בין איך געשטאַנען
באליידיגט און פארשעמט...
אַ טעות האָסטו, עלטער,
דער קבר איז דיר פרעמד!

דאָ ליעגט א אידען׳ס יוגענד —
א טויט־געבאָרען קינד...
האָט קיינמאָל ניט געשמייכעלט,
איז שטום געווען און בלינד;

אָהן ליעבע, אָהן חלומות
האָט ווי א רויך פארשוועבט,
און שטומערהייט געשטאָרבען
בעפאָר עס האָט געלעבט.

פארבלאָנדזשעט האָסטו, עלטער,
אין פעלד אין פינסט׳רער נאכט,
און אויף א פרעמדען קבר
א בלומען־קראנץ געבראַכט...

לעבען

איך ווייס ניט וואָס מיין לעבען איז,
זיין מיינונג און זיין זין;
איך ווייס ניט וואָס מיין צוועק איז דאָ —
איך ווייס נאָר, אז איך בין
א רעדעלע, א שרייפעלע
פון עפּעס א מאשין.

וואָס טרייבט און יאָגט ניט ווילענדיג,
און שטרעבט און בײנקט, און לײדט,
און העפט און וועבט א לעבענס-באַנד,
וואָס לעבען זעלבסט צושניידט,
וואָס קען זיין אייגען „איך" ניט זעהן
און זעהט דאָך הימעל-ווייט.

איך וועב חלומות גאָלדענע,
און ווייס בשעת איך וועב,
אז שפּעטער וועל פערגאַכטען איך
צו וואָס איך איצטער שטרעב,
אז ס'לעבען איז קיין לעבען ווערטה —
און פרעה זיך אז איך לעב...

צום דיכטער

...און ווערען די וואָלקענס געדיכטער,
און טיעפער און שווארצער די נאכט —
שטעה איך אייביג־וואכענדער דיכטער
און ניץ אוים דיין הייליגע מאַכט.

און קלאנגען ווי שטערען וואָס פינקלען
צינד אָן ביי דער נאַכט איבעראל...
עס זאָל אין די פינסטערסטע ווינקלען
דורכדרינגען דיין קול ווי א שטראהל.

און הויך זאָל דיין וועק־ליעד ערקלינגען,
און פורכטלאָז און מעכטיג און דרייסט,
ס'זאָל טיעף אין די זעעלען איינדרינגען,
דאָרט וועקענדיג לעבען און טרייסט.

די הערצער וואָס שמאכטען פארשלאָפען
אַ בשורה פון זונען־שיין טראָג,
און לערען זיי גלויבען און האָפען
אין קינפטיגען ליכטיגען טאָג.

מעג וואָלקען פארציהען דעם הימעל —
ס'וועט אויפגעהן די זון אין איהר פּראכט;
מעג אלעם פארזינקען אין דרימעל —
די מענשהייט וועט ווערען ערוואכט!

אָרום מעג נאָך פינסטערער ווערען —
טהו, דיכטער, דיין הייליגע פפליכט:
ביי נאכט זאָל דיין וועק־ליעד זיך הערען
און טראָגען א בשורה פון ליכט...

קינדער און ליעדער

1.

קומט אהער, אָה קינדער, זעצט זיך
נעבען מיר אנידער;
כ׳ליעב מיט אייך צו שפיעלען — איהר זייט
לעבעדיגע ליעדער.

קול׳כלאך הילכיג און מעלאָדיש,
אויגלאך — טיעפע קוואלען:
קלאָר און פינקלענד, און דאָרט שפיעלען
אָפט-מאָל הימעל-שטראהלען...

ציינדלאך האָט איהר — שנירלאך פערעל,
הער׳לאך — פעדים זיידענם;
לאכט איהר — דוכט מיר זילבער-גלעקלאך
קלינגען פון דער ווייטענס...

ליעדער זייט איהר, ליעבע קינדער,
אָהן א טהעמא ליעדער;
קוקענדיג אויף אייך ווערט פרעהלאך —
כ׳פיהל א קינד מיך ווידער...

2.

קינדער, גיט מיר מײנע ליעדער,
יענעם בוך, געשװינדער;
כ'ליעב זײ, װײל מיר דוכט זײ זײנען
עהנליך צו אײך, קינדער...

האָבען ניט פאר פרײנד קײן חניפות,
מורא ניט — פאר שונאים;
און א חן'ודיגער אונשולד
שװעבט אויף זײער פנים...

און זײ דריקען אָפט נאַאיװ אוים
טיעפע הארץ-באגריפען,
און װי אידיש קינדער — ליעבען
טראכטען מעהר אלם שטיפען...

קינדער-ליעדער — װער איז ליעבער
קען איך ניט ענטשײדען;
כ'פיהל איהר זײט מיר בײדע טהײער,
כ'ליעב אײך הערצליך בײדען...

אָהן א גאָט

מיין גאָט האָט מיך פארלאָזען,
מיין יוגענד'ס טרייסט און גליק;
איך קען איהם ניט געפינען —
ער קומט ניט מעהר צוריק,

איך וואָגעל אום און וואנדער
פאר'יתום'ט און פארקלעמט;
אומזיסט איז דאָך מיין זוכען —
ער בלייבט מיר ווייט און פרעמד.

פארשוואונדען איז דער חלום
פון קינדהייט, ווי א ווינד...
אָט בין איך ערשט א צארטעס,
אַן אונשולדיגעס קינד.

פון מענשען און פון לעבען
האָב איך נאָך קיין באגריף;
דער גוטער גאָט, דער ליעבער
לעבט אין מיין הארצען טיעף;

צו איהם בין איך מתפלל,
איך האָף און גלויב אין איהם;
און אָפטמאָל, דוכט מיר, הער איך —
עס רעדט צו מיר זיין שטים:

„דאָס לעבען איז א חידה
א שווערע אָהן א שיעור,
ווערסטו זיי ווילען לעזען —
אַז וועה וועט זיין צו דיר.

דיין לעבענס-קוואל פון הארצען
וועט אויסטריקענען שנעל...
דיין מוח וועט פארשלינגען
דיין גייסט, דיין הייליג זעעל.“

און איך בין אויפגעוואַקסען —
איך מוז מיין זינד געשטעהן —
די אונערקלערטע חידה
האָב איך געוואָלט פארשטעהן...

און זוכענדיג דעם שליסעל
פון חידה — אונגעריכט
האָב איך דערפיהלט אין הארצען
פארלאָשען ווערט א ליכט...

ניטאָ די העלע שטראהלען
פון ריינעם גלויבען מעהר...
און איינמאָל א פריהמאָרגען
כ'שטעה אויף — מיין הארץ איז לעער...

דער גוטער גאָט דער ליעבער
ער איז אוועק פון דאָרט!
זייט דאמאָלס טרייב איך אום זיך
אָהן ציעל פון אָרט צו אָרט.

און דיען צו פרעמדע געטער,
און ווארף זיי באלד אוועק...
און וואָגעל אום און וואָנדער
אין לעבען אָהן א צוועק.

און פינסטער איז אין הארצען,
און שווער, און וויסט, און קאַלט;
ניטאָ די זון וואָס האָט דאָרט
געווארעמט און געשטראהלט.

אוועק מיין גאָט, מיין ליעבער,
מיין יוגענד'ס טרייסט און גליק;
איך קען איהם ניט געפינען —
ער קומט ניט מעהר צוריק...

צו איהר

אוּן וועט דיין געליעבטער דיך פרעגען
צי האָט דיך ווען יעמאַנד געליעבט —
דערצעהל איהם: אויף איינזאַמע וועגען
געהט ערגעץ אַ טרוימער באַטריעבט,

אוּן גראַבט שטיל אַ קבר אין האַרצען,
אוּן קריצט פון חלומות אַ שטיין,
אוּן טיעף אין׳ם קבר אין שוואַרצען
באַגראַבט ער זיין ליעבע אַליין...

אוּן איינזאַם, אוּן שטיל, אוּן געדולדיג
שטעלט ער זיין מצבה אַוועק...
נאָר זאָג איהם, אַז דו ביזט ניט שולדיג —
ביזט קיינמאָל געגאַנגען זיין וועג.

אוּן נאָך עפּעס זאָג איהם, דיין שעהנעם
ווען ער וועט פון ליעבע דיך פרעגט:
דער טרוימער איז שטאָלץ אוּן האָט קיינעם
זיין סוד אוּן זיין פּיין ניט ענטדעקט...

צווײ נעכט

די נאכט איז געווען אויסגעשטערנט;
מיר זיינען געגאנגען — און איך
צום ערשטען מאָל דאָן האָב געלערענט
צו ליעבען דעם הימעל — און דיך...

עס האָט מיין נשמה געצויגען
א וואונדער — פאר׳כשופ׳טע מאַכט
צו שטערען וואָס לייכטען ווי אויגען,
צו אויגען — ווי שטערען ביי נאַכט.

און לאַנג אין מיין גליקליכען דרימעל
האָב איך דאַן גע׳חלום׳ט, געקלערט
פון אויגען וואָס שיינען אין הימעל,
פון שטערען וואָס שיינען אויף דר׳ערד...

* *
*

די נאכט איז פארוואָלקענט געוועזען;
געגאנגען ביזטו ביי מיין זייט:

איך האָב אין דער פינסטער געלעזען
ווי נאָהענט דו ביזט און ווי ווייט.

מיר זיינען געגאנגען אָהן לשון,
און איך האָב פאראומערט געקלערט:
ווער האָט אזוי גרויזאם פארלאָשען
די שטערען פון הימעל און ערד?

זי

איך האָב זי אנומעלט באגעגענט,
און ס׳האָט מיך, אזוי ווי אמאָל,
באטרונקען, געריצט און באצויבערט
איהר שמייכעל, איהר בליק און איהר קול.

„עס האָט אונז דער שיקזאל אין לעבען
פארשיעדענע וועגען געוועהלט
און ס׳קען זיך קיינמאָל ניט באגעגנען
דער וועג וואָס דער שיקזאל צוטהיילט.“

געקוקט האָב איך שטום און געפרעגט זיך,
דערשטיקענד אין הארצען מיין וועה:
איז מעגליך דען אז איין נשמה
זאָל לעבען אין גופים אין צוויי?...

זי האָט מיין מחשבה געטראָפען,
געשמייכעלט, קיין וואָרט גערעדט מעהר,
נאָר איך וואָלט געשוואָרען: ביין אבשייד
געבלאַנקט האָט אין אויג איהר אַ טרעהר...

חלומות

דו האָסט, קינד, אַ ליעד מיר געזונגען,
אונ האָסט מיך דערנאָך לאנג באטראַכט
צו זעהן וואָס עס האָט פאר א רושם
דיין ליעד אויפ׳ן דיכטער געמאכט.

געזונגען האָסטו מיר פון שטערען
וואָס גיסען אנ׳אייביגען שיין,
פון בלומען וואָס קענען ניט וועלקען,
פון טהורעמס וואָס פאלען ניט איין...

פון אייביגע טרייהייט און ליעבע...
אך, קינד, נאַאיוו-גלוביגעס קינד!
כ׳האָב שעהנערע ליעדער געזונגען —
און זיי האָט פארטראגען דער ווינד...

כ׳האָב אפשר נאָך הייסער און טיעפער
פון דיר אין חלומות געגלויבט;
איך קען דיר דעם סוד ניט ענטדעקען
ווער ס׳האָט מיינע טרוימען גערויבט.

מיר געהען אויף לאנג זיך פאַנאַנדער,
אוּן קומסטו נאָך ווידער אמאָל,
און זינגסטו מיר ווידער דיין ליעד דאן
פון בלומען וואָס ווערקען קיין מאָל.

פון יוגענד און טרייהייט און ליעבע,
פון פרייד און פון אייביגען גליק, —
דאן גלויב איך... און אפשר אויך מיינע
חלומות געפין איך צוריק...

א פעקעל בריעף

ליעבע־בריעף א גאנצען פעקעל
האָב איך היינט ביינאכט פארברענט;
ליעבע נעמען אין די פלאמען
האָב איך ברענענדיג דערקענט.

אָט איז חנה, אָט איז צירעל,
גאָלדע, ראָזע — נאָך און נאָך...
אָט איז מלכה, לאנג פארגעסען,
איהרע אויגען זעה איך דאָך...

אָט איז רבקה... קארשען־ליפּען,
און א הארץ פון לויטער גאָלד...
טראָפּענס גליק פון איהר גענומען,
קוואלען טרעהרען איהר באצאָהלט...

אָט איז דינה... גאָלד און פּערעל
האָבען געגען איהר קיין ווערטה...
כ׳זעה זי נאָך, און גלויב מלאכים
געהען אום דאָ אויף דער ערד...

אָט איז נאָך און נאָך לעגענדען
לאנג פארפלאָסענע אין תהום,
לאנג פארשלונגענע חזומות
אין׳ם קאַלטען לעבענס שטראם.

און אָט פלאקערט שוין דער לעצטער,
און דער בריעף ווערט קוילען-שווארץ...
אך, איך האָב געמאכט א טעות —
אָט דער נאָמען קאָסט א הארץ!

טארסט עס,פייער, ניט פארצעהרען,
ס׳איז א טעות, כ׳וויין, איך בעט!
כ׳שטרעק די הענד אוים אין די פלאַמען
נאָר אומזיסט, צו שפּעט, צו שפּעט!...

אַם בעסטען

זאָג, וואָס ליעבסטו, פריינד, אַם בעסטען
אויף דיין ליעבסטער'ס שעהן־געזיכט?
צי די טיעפע קוואלען־אויגען,
וואו עס שפּיעלט א הימעל־ליכט;

צי די ברעמען וואָס באוואַכען
איהרע אויגען, ווי א צוים,
צי איהר שמייכעל וואָס עראינערט
אָן א ליעבען פריהלינג־טרוים;

צי די פּורפּור קארמען־ליפּען
ווי פון זיידענס אויסגעוועבט,
פול מיט חן, מיט הימעל־צויבער,
ווען א שמייכעל אויף זיי שוועבט;

צי איהר קלאָר אלבּאַסטער־שטערען,
אויסגעטאָקטען אָהן א קאַרב;
צי די באַקען, וואו די רויזען
לייהען פריהלינג זייער פאַרב?

— אויף מיין ליעבסטער'ס שעהנעם פנים
ווי א פריהלינג-זון וואָס שיינט
ליעב איך מעהר פון אלץ און בעסער
מ י י נ ע ליפּען, ליעבער פריינד !...

פאַטאַ מאָרגאַנאַ

„הינטער ימים, הינטער טייכען,
ערגעץ ווייט ביים מעער׳ס ראַנד
ליעגט א שעהנעס, אָהן א גלייכען,
א געבענשטעס, גליקליך לאנד.

איביג לייכט די זון און שיינט דאָרט
אויף דער איביג גרינער ערד;
צווישען מענשען גיט קיין פיינד דאָרט,
צווישען פעלקער גיט קיין שווערד.

קיינע הערשער, קיינע שקלאַפען —
גלייכהייט הערשט דאָרט איבעראל;
עהרליך לעבען, עהרליך שאַפען
איז דאָרט העכסטער אידעאַל.

מענשען לעבען דאָרט ווי ברידער,
יושר נאָר אליין רעגיערט!"

— — — — — — — — — — — — —

וואונדערבארע שעהנע ליעדער,
אַך! זיי האָבען מיך פארפיהרט...

ס'האָט דער כשוף פון די קלאנגען
מיך באַצויבערט און פארטויבט:
אין דער פרעמד בין איך געגאנגען,
אין דעם טרוים האָב איך געגלויבט...

און אין ווייטע פרעמדע לענדער
האָב איך, גלויבענדיג אין טרוים,
שנעל צוריסען אלע בענדער
מיט מיין אלטער אייג'נער היים.

כ'האָב געדיענט צו פרעמדע געטער
און קרבנות זיי געבראַכט...
כ'האָב געהאַפט אויף פרעמדע רעטער,
פרעמד געלעבט און פרעמד געטראַכט...

פרעמדע הימלען, פרעמדע זונען,
פרעמדע גליקען — אלעס פרעמד!
און וואָס האָב איך דאָרט געפונען?
כ'שטעה פאר זיך אליין פארשעמט...

כ'האָב די גאנצע וועלט אומאַרמען
אין מיין האַרצען היים געגאַרט,
און ווי גרויזאם, אָהן ערבאַרמען
ס'האָט די וועלט מיך אָפגענאַרט!

כ'האָב געמורמעלט פריעדען... פרייהייט...
און די וועלט האָט בייז געשפּאסט ;
פאר מיין ליעבע, פאר מיין טרייהייט
האָבען מענשען מיך געהאסט.

כ'האָב געבעטעלט שקלאפיש, שענדליך,
יעדען פריינדליך וואָרט און בליק...
— — — — — — — — — — — — —
אומגעקוקט האָב איך מיך ענדליך —
און איך געה אהיים צוריק...

א זומער־ליעד

דו בעטסט מיך, געליעבטע, צו זינגען א ליעד דיר,
אַ זומער־ליעד, ווילסטו, א פרעהליכעס ליעד;
די טרויער־נגונים, די א י ד י ש ע ליעדער,
זיי מאכען דיך, זאָגסטו, פאראומערט און מיעד.

— „איך קען יעצט ניט הערען קיין טרויריגע קלאנגען,
ווען אַלץ זינגט פון לעבען און פרייד איבעראל:
אין וואָלקען — די פייגלאך, אין פעלדער — די זאַנגען,
אין טהאָל יעדע בלום און אין וואלד יעדער קוואַל.

„וואו שניט־ליעדער קלינגען אין פעלד ביי די גאַרבען
„אַהין געה, געליעבטער, ערפרישען דיין ברוסט,
און הער דאָרט די קלאנגען, און זעה דאָרט די פארבען,
און דאַן זינג א ליעד מיר פון לעבען און לוסט...“

— געליעבטע, דו קענסט ניט די זעעלע פון טרוימער,
פון אידישען דיכטער, וואָס זינגט אין דער פרעמד;
איך קוק אויף די פעלדער, די בלומען, די בוימער,
איך קוק — און מיין הארץ בלייבט נאָר שטום און פארקלעמט.

דאָס פעלד איז פארזייהט ניט מיט אונזערע קערנער,
ניט אונזערע שניט-ליעדער קלינגען אין טהאָל;
ניט בלומען, ניט קוואלען, נאָר שטיינער און דערנער
מיין וואָגלענדער ברודער געפינט אָהן א צאָהל.

די קוואַלען, די פעלדער, די בערג און די טהאָלען
פון מיין אלטער היים, אָה וואו זיינען זיי, וואו?
איך קען זיי ניט פיהלען, איך קען זיי ניט מאָהלען —
דער זומער, ער ברייננגט מיר קיין פרייד און קיין רוה.

איך טרוים אָפט, געליעבטע, פון וועלדער פון פאלמען,
פון צעדערען-וועלדער, וואָס רוישען ניט מעהר...
מיין הארץ, דוכט מיר, איז א זכרונות-בית-עלמן,
אויף וועלכען מיין ליעד איז א יתום׳ס א טרעהר...

אין פרעמדע גערטנער

שמוני נטרה את הכרמים —
כרמי שלי לא נטרתי.
(שיר השירים.)

פרעמדע, פרעמדע גערטנער פפלעג איך,
און מיין גאָרטען שטעהט פארלאָזען;
און דאָרט וואנדלען אום שאָקאַלען,
און דאָרט וואקסען ווילדע גראזען.

אונבאוואכט און אונבאוואָסערט
וועלקען דאָרט די לעצטע בלומען;
אין די נעסטען וואויען ראָבען
און די זומער־פייגלאך שטומען.

און פאראומערטע, פארוויסטע
טרויריג ציהען זיך אלעען;
קיינעמס ברוסט ניט צו ערפרישען,
קיינעמס אויג ניט צו ערפרעהען.

מיט אראָפּגעלאָזטע צווייגען
ווי אבלים שטעהען בוימער,
אָהן אַן אויפזעהער, א גערטנער,
אָהן א ווירטה און אָהן א שומר...

און די פרעמדע, פרעמדע גערטנער —
אַך! ווי בליהען זיי און דופטען,
און ווי שעהן די פייגעל־טרעלען
הילכען, גיסען זיך אין לופטען.

און ווי שטאָלץ די ריעזען־בוימער
קוקען הויך ארויף צום הימעל:
און ווי זים עס דופטעט, אָטהעמט
יעדע קנאָספּע, יעדע בלימעל!

* *
*

דורות, לאנגע רייהען דורות,
אלם אַן אונבאצאָהלטער שומר
איז באשערט מיר צו באוואכען
פרעמדע גערטנער, פרעמדע בוימער.

און אָפט בייגקט זיך און עס ציהט מיך
צו דעם אייגען ווימטען גאָרטען...
נאָר אַן אלטער בייזער כשוף
בינדט און האלט מיך ווייט פון דאָרטען!

מיין פויגעל

אין מיין צימער הייגגט א שטייגעל,
אוּן א פויגעל זינגט אין איהר;
יעדעס מאָל איך הער דאָס זינגען,
ווערט מיין הארץ פארקלעמט אין מיר.

ס׳דוכט מיר, כ׳הער אין פויגעל׳ס טרעלען
ווי א שטים וואָס בעט און רופט:
„עפענט, פריינד, מיר אויף מיין תפיסה,
לאָזט מיך עטהמען פרייע לופט.

ווייט פון דאנען, אין די צווייגען
פון א דופטענד־גרינעם בוים,
אונטער העלען בלויען הימעל,
איז מיין נעסט — מיין ליעבע היים״.

אָר׳מער פויגעל, כ׳הער דיין זינגען
און מיין הארץ איז מיר פארקלעמט;
פונקט ווי דו בין איך אין תפיסה
און זינג ליעדער אין דער פרעמד.

אָה, אויך איך וואָלט פליהען, פליהען,
נאָר דאָס גהעטא איז מיין צוים ; —
וויינענדיג אין גלות זינג איך
ליעדער פון אן אלטען טרוים...

כ'עפען דיר דיין שטייג, מיין פויגעל,
כ'נעהם נאָר אוים מיט דיר א תנאי :
ווען דו וועסט פון דאנען פליהען
איבער ימים ברייט און פריי,

אויב דו וועסט אין לאנר פון מאָרגען
ערגעץ נעסטען אין א בוים, —
קום צוריק און ברייננ א גרוס מיר
פון מיין אלטער ליעבער היים...

אין טרוים

אַ וואונדער, דאָך מעגט איהר עס גלויבען:
כ'בין איינמאָל געגאנגען ביי נאכט,
די כמאַרעס געשטיקט האָבען אויבען,
אַ שטורעם האָט אונטען געקראַכט.

כ'בין איינזאם און צוועקלאָז געגאנגען,
אין חושך פארזונקען און שטום,
און ס'האָבען די בליצען, ווי שלאנגען,
געוואָרפען אַן אימה ארום.

געקלאפט האָט דער ווינד און דער האָגעל,
קיין קול און קיין שטראהל פון אַ הויז,
און איך איינער וואָגעל און וואָגעל,
און אונבאוואוסט רייס זיך פאראוים...

דאָך קען איך קיין וועג ניט געפינען,
די נאַכט איז אונענדליך און שווארץ;
דאַן איז מיר ארויף אויפ'ן זינען
צו מאכען אַ ליכט פון מיין הארץ...

און איך האָב מיין הארץ אָנגעצונדען,
אין באלד איז א וואונדער געשעהן,
דער חושך פון נאכט איז פארשוואונדען,
און איך האָב א פּאַלאַץ דערזעהן.

אַ פּאַלאַץ געבויט פון קאָראַלען,
באגאָסען מיט צויבער און ליכט,
פון דאָרט האָבען אויגען ווי שטראהלען
געשיינט פון א פרויען־געזיכט...

און איך בין צום פּאַלאַץ געלאָפען
פון צויבער און שעהנהייט געבלענדט,
נאָר דאָ האָט א סבה געטראָפען —
מיין הארץ האָט אין וועג אויסגעברענט...

און ווידער איז האָגעל און שטורעם,
ארום מיר איז חושך און שווארץ;
נאָר ס'טרוימט פון דעם מאַגישען טהורעם
מיין לאנג אויסגעלאָשענעם הארץ...

דער נר־תמיד

(געווידמעט מיין זוהן זרובבל.)

ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך
שמן זית... להעלות תמיד.
(שמות כ"ז כ')

א מעשה׳לע וויל איך, מיין קינד, דיר דערצעהלען,
אַ מעשה׳לע וואונדערליך־שעהן;
וואָס עלטער וועסט ווערען, וואָס מעהרער וועסט קלערען,
אלץ בעסער וועסטו עס פארשטעהן...

1.

מיר האָבען אמאָל א בית־מקדש געהאט,
אַ הערליכען הייליגען טעמפעל,
און צווישען פיעל כלים־אנטיקלאך איז דאָרט
געוועזן אן אנטיקעל — א לעמפעל.

אַ וואונדער א לעמפעל; זיין גלייכען, מיין קינד,
געפינען וועט קיינער ניט קענען:
אויף אייביגע דורות באפאָהלען האָט גאָט
דאָס לעמפעל זאָל לייכטען, זאָל ברענען.

און דורות-לאנג האָט דיזעס לעמפּעל געלייכט,
אוּן ס'פלעגען די זעלביגע שטראַהלען
וואָס האָבען אמאָל אויף די זיידעס געשיינט
דערנאָך אויף די אייניקלעך פאַלען.

* *
*

עס זיינען פיעל יאָהרען, פיעל דורות אוועק,
דאָס פאָלק איז אין גלות פארטריבען;
דער טעמפּעל צושטערט, פון די כלים קיין שפור —
דאָס לעמפּעל איז אָבער פארבליבען.

עס ברענט נאָך דאָס לעמפּעל! און ס'פיהלט אויך דאָט פאָלק,
אַז ווען ניט דער צייטענווייז בלייכער,
דאָך אייביגער שיין פון דעם לעמפּעל — וואָלט לאנג
פון איהם ניט געבליבען קיין זכר.

עס ברענט נאָך דאָס לעמפּעל! און ווען ניט זיין שיין, —
די נאכט, קינד, וואָלט זיין אונערטרעגליך;
געפינען אין פינסטערען גלות א וועג,
אָה קינד, וואָלט געוועזען אונמעגליך...

2.

דאָרט זעהסטו, קינד, אַן אלטען מאַן
מיט פאַלבען פול באדעקט זיין שטערען;

די האָר באשאָטען ווי מיט שניי,
די אויגען אָנגעפילט מיט טרעהרען.

ער געהט ווער ווייסט ווי לאנג, ווי ווייט,
דורך טאָג, דורך נאכט, דורך טוידטעס-שרעקען,
אַן אלטען ספר אין זיין פּאק
און אין זיין האנד אַ וואַנדער שטעקען.

דו זעהסט, מיין קינד, דעם אלטען מאַן
באוואונדער איהם! ער איז א גבור:
גבורים מעכטיגע אָהן צאָהל
אָט דיעזער אַלטער לעבט אריבער!

ער וואַנדערט לאַנגע-לאַנגע יאָהר.
פאַרפאָלגט פון שונאים, עלענד, אָרים,
און לעבט און האָפט... און זעהט די פיינד
פארשלונגען איינציגווייז אין קברים.

מדבריות האָט ער דורכגעשפרייזט
און טיעפע ימים דורכגעשוואומען,
און האָט די וועלען פון'ם ים
און ווילדע חיות בייגעקומען.

דעם שעפּפונגס-סוד פון דער נאַטור
דער בורא האָט אין איהם פארבאָרגען:

היינט שיינט ער אָפּגעלעבט, פארוועלקט —
און לעבט און בליהט אויף וויעדער מאָרגען.

3.

עס טרייסעלט, עס ציטערט
די ערד ווי פון פיעבער:
עס שטורעמט, עס דונערט,
די וועלט קעהרט זיך איבער;

עס רוישען, עס זיעדען
פון ימים די גרונדען,
און פעלזען, און אינזלען
אָט ווערען פארשוואונדען.

עס קלינגען די שווערדען,
עס בלאַנקען די שפּיזען,
עס פאַלען ווי זאַנגען
די פעלקער די ריעזען;

אָט ווערען נאַציאָנען
פון קריעג אויפגעפרעסען,
צוויי דורות אוועק — און
זיי זיינען פארגעסען.

נאָר ער איינער לעבט נאָך,
אוּן טרעט אויף די קברים,
אוּן שטעהט זיך גלייכגילטיג,
אוּן בלעטערט די ספרים,

אוּן לייענט די מעשיות
פוּן מענשליכע קריעגען,
אוּן לאַכט פוּן די זיעגער,
אוּן לאַכט פוּן די זיעגען...

אוּן פרעגסטו ווער האָט איהם
די סגולה געגעבען
דעם סוד איהם אנטפּלעקט פוּן
אַן אייביגען לעבען?...

4.

ווי א טרייער כהן
וואָס זיין אמט האַלט טהייער,
צינדט ער פאַר דער וועלט אָן
זיין נר־תמיד־פייער —
אומעטום זאָל ווערען
ליכטיגער און פרייער.

פייער איז זיין גלויבען,
אייזען — זיין בטחון :
געטליכע נביאים
האָבען איהם פארשפראכען :
ליכט וועט איבער חושך
פייער׳ן א נצחון.

ביז ס׳וועט ענדליך אויפגעהן
העל דער מאָרגענשטערען,
פון דער זון פון פרייהייט
טרוקען ביז ס׳וועט ווערען
יעדער קוואַל און שטראָם פון
מענשען-בלוט און טרעהרען.

ביז געקריצט וועט „ליעבע"
זיין אויף מענשענס שטעמפעל,
יעדעס הערץ וועט ווערען
גאָט פון פריעדענ׳ס טעמפעל,
וואו ס׳וועט אייביג לייכטען
העל זיין וואונדער-לעמפעל !...

א פאַרוואורף

עס היינגט ווי א משא א שווערע
אונ דריקט ווי א זינד מיין געוויסען;
איך קען זיך פון איהר ניט באפרייען
מיין הארץ ווערט אין שטיקער צוריסען.

א פאַרוואורף, א ביטערען פאַרוואורף
הער איך פון מיין צוועקלאָזען לעבען:
„אין קאמפף פאר זיין עהרע און פרייהייט
וואָס האָסטו דיין פאָלק, זאָג, געגעבען?

„צי האָסטו געהאָלפען צו שטילען
זיין אלטען, זיין ברענענדען וועהטאָג,
אין רייהען פון מוטהיגע קעמפפער
צי איז ניט דיין פלאץ געווען לעדיג?

„צי ביזטו געוועזן אויפ'ן קאמפף-פעלד
וואו ס'האָבען גבורים פארטהיידיגט
די ברידער פון שונא געשלאכטעט,
די שוועסטער פון שונא באליידיגט?...

„וואו ביזטו געווען ווען עס זיינען
געגאנגען די מוטהיגע רייהען
מיט בלוט זייער לאנד צו באלעבען,
מיט שוויים זייער פעלד צו פארזייהען?

„צי האָסטו אין קאמפף זיך באטהייליגט,
געשטארקט זייער הייליגען גלויבען;
צי, אפשר, דאן שירה געזונגען —
די שטימע פון פפליכט צו פארטויבען?

*　*

*

א פאָרוואורף, א ביטערען פאָרוואורף
הער איך פון מיין צוועקלאָזען לעבען:
„אין קאמפף פאר זיין עהרע און פרייהייט
וואָס האָסטו דיין פאָלק, זאָג, געגעבען?...

צווײ קאטאַסטראָפען

(נאָך דער גרױסער ערד־ציטערניס אין סיציליען אין יאָהר 1908)

1.

די ערד האָט א שפּיעל זיך געגעבען
ניט װײט פון דעם „אײביגען" רױם,
און טױזענדער לעבענס פארשלונגען,
און שטעדט געמאכט חרוב װי סדום.

די װעלט איז ערשיטערט! די פרומע,
זײ רופען עס געטליכע שטראָף;
געלעהרטע — װאולקאנישער ערד־שטױס,
די װעלט רופט עס אַן קאַטאַסטראָף.

נאָר װאָס איז דער אונטערשיעד? — עלענד,
אלמנות, יתומים... הכלל —
אונצעהליגע מענשען־קרבנות,
פון בלוט פון טרעהרען אַ קװאַל!

און ס'עפענען הענד זיך און הערצער,
די פיהלענדע מענשהײט שטעהט גרײט

צו רעטען, און העלפען, און טרייסטען,
און לינדערען עלענד און נויטה.

סאָלדאטען און קריעגס-שיפען איילען
אַ הילפע צו ברייננגען געשווינד;
אַ קעניג ערמוטהיגט די העלפער,
אַ קעניגען וואונדען פארבינדט.

און העלדענטהאַט צייגען די רעטער,
די וועלט זעהט א הייליגעס בילד:
ווי זעלנער די עופה'לאך שפייזען
און צערטלען זיי מוטערליך מילד.

דעם מענשענ'ס נשמה ווערט צארטער
אין טיגעל פון מענשליכען שמערץ;
די וועלט ווערט איין גרויסע משפחה,
די מענשהייט — איין פיהלענדעס הערץ!

2.

דער „בער" האָט א שפיעל זיך געגעבען
מיט'ן „אייביגען" פאָלק אָהן א היים,
און טויזענדער לעבענס פארשלונגען,
און שטעדט געמאכט חרוב ווי סדום.

עס טענה׳ן באשיידען די פרומע:
„גאָט שטראַפט פאר די זינד די נאַציאָן“;
די וועלט רופט פּאָגראָם עס, — די „קלוגע“—
„אַ קאָנטראַ-רעוואָלוציאָן...“

נאָר וואָס איז דער אונטערשיעד! — עלענד,
אלמנות, יתומים... הכלל —
אונצעהליגע מענשען-קרבנות,
פון בלוט און פון טרעהרען א קוואַל!

דאָך שליסען די הענד זיך און הערצער,
די וועלט שטעהט גלייכגילטיג און בליקט,
ווי ס׳ווערט פון בלוטדורשטיגע חיות
א הילפלאָזע אומה דערשטיקט.

קיין קריעגס-שיפען קומען ניט רעטען,
סאָלדאטען, זיי שיקט מען אהער —
דאָך, ניט אום די אָפּפער צו שיצען,
— צו מאכען קרבנות וואָס מעהר!

אַ קייזער ערמוטהיגט די מערדער...
די וועלט זעהט א גרויזאַמעס בילד:
ווי עופּה׳לאך ווערען צוריסען
פון זעלנער באַרבאַריש און ווילד.

דעם מענשענ׳ס נשמה פארשטיינערט
אין טיגעל פון אידישען שמערץ;
ניטאָ מעהר קיין וועלט-איין-משפחה,
ניטאָ מעהר קיין מענשליכעס הערץ!

וואוהין

(אַ חלום)

(צום אָנדענקען פון דר. הערצל.)

מיר חלומ'ט זיך: אַ פינסט'רע נאַכט,
אַ גרויסע מחנה מענשען
פון אלע לענדער פון דער ערד,
פון אלע ווייטע גרענצען.

פון דרום זייט, פון מעריב זייט,
פון ווייטען, קאַלטען צפון...
זיי האָבען זיך אין וועג ביי־נאַכט
ווי אַלטע פריינד געטראָפען.

פאָראויס מאַרשירט אַ הויכער מאַן,
אַ שטאָלצער העלד, אַ גבור;
מיט איהם, ס'דוכט, קען מען אָהן געפאַהר
די גאַנצע וועלט אַריבער...

די גרויסע מחנה פאָלגט איהם נאָך
מיט ליעבע און מיט עהרע;

ער טראָגט א בלוי-און-ווייסע פאָהן,
אָן אלטע פאָהן — א שווערע...

אָן אַלטע פאָהן. — די גאנצע ערד
האָט זי שוין אויסגעמאָסטען...
און אויפגעשריבען איז אויף איהר:
„פאָראוים, פאָראוים נאָך אָסטען!".

און פלוצלונג בלייבט די מחנה שטעהן,
עס הערשט א טיעפע רוהע.
דער פיהרער גיט א וואונק און ס'קלינגט
צום הימעל הויך א שבועה:

„מיר שווערען, מיר שווערען
די פאָהנע צו עהרען,
מיר שווערען איהר ליעבע און טרייהייט.
מיר שווערען צו שטרעבען
ערקעמפפען א לעבען
פון פריעדען, פון גליק און פון פרייהייט.

מיר געהען, מיר געהען
און צאָהלרייכע רייהען
ערפילען די ארבייט די שווערע;
מיר שווערען, מיר שווערען

צום פאָלק אומצוקעהרען
זיין היים, זיין פארלאָרענע עהרע...״

און ווידער איז אין טיעפער נאַכט
די מחנה פאָרט געגאנגען.
אין מזרח האָט א שטראהל געטהאָן
א שטערען — און פארגאנגען...

און שווארצער, שווארצער ווערט די נאכט,
דער פיהרער ווערט אלץ מיעדער...
און אַך! אָט לאָזט זיך אָפּ זיין האנד,
ער לעגט די פאָהן אנידער...

צוטומעלט בלייבט די מחנה שטעהן,
עס הערען זיך געשרייען;
עס הילכט א יאָמער, ס׳הערשט א שרעק,
א שפּאַלטונג אין די רייהען...

מען הויבט די פאָהן קוים אויף... מען געהט
מיט טרוי׳ריגע געזיכטער...
מען געהט... אַך, גאָט, ווער וויים וואוהין —
דער חשך ווערט געדיכטער...

פון צפון בלאָזט א קאַלטער ווינד,
ווי בלוט ווערט רויט דער הימעל...
איך הער א יאָמער־קול ״וואוהין!״ — — — —
און כאפּ זיך אויף פון דרימעל.

אין שלאַכט

עס האָבען די מענשען פארוואנדעלט
די ערד אין א בלוטיגעם פעלד,
וואו ס'פאלען אָהן אויפהער קרבנות —
און דער, וועלכער זיעגט, איז קיין העלד...

איך האָס די מלחמה — דאָך געה איך
גלייכגילטיג און זיכער אין שטרייט:
מיך שרעקט ניט דער גרויזאַמער שונא,
וואָס דראָהעט פון נאָהענט און ווייט.

מיך שרעקט ניט דער ווילדער געטומעל,
וואָס שטורעמט און וויטערט מיט מאכט;
די גיפטיגע קוילען און פיילען,
וואָס האָגלען אָהן אויפהער אין שלאכט.

באזאָרגט האָט נאַטור מיך מיט וואפען,
וואָס ניי בלייבען אייביג און שארף;
פארטהיידיגען קען איך מיט זיי זיך
צו יעטוועדער צייט ווען איך דאַרף...

מיין דעגען געשמידט האָט דאָס שיקזאל
אין צייטען פון שרעק און פון נויט,
אין פלאמען פון אויטאָ־דאַ־פּעען,
ביים שוועל פון „אַ הייליגען" טויט.

מיין פאנצער פון אייזערנעם דולדען —
עס האָט איהם דער גלות געשמידט
אין קעסעל פון בלוט און פון פייער,
וואָס צווייטוויזענד יאָהר אז עס זידט...

אָה ניין, ניט דאָס גרויזאמעס שלאכט־פעלד
אויף מיר ווארפט פארצווייפלונג און שרעק;
עס טהוט מיר נאָר לייד פאר די מענשען,
וואָס קעמפפען ווי חיות אָהן צוועק;

וואָס האָבען א פריעדליכעס לעבען
פארוואנדעלט אין זינלאָזען שלאכט;
און האָבען א וועלט א גן־עדן
צום פינסטערען גיהנום געמאכט...

צו די „בילו"

אָה, זייט געגריסט, אָה זייט געבענשט,
איהר העלדען־פּיאָנערען!
איהר זייט א ליכט־טהורעם פאר אונז
אין ים פון בלוט און טרעהרען.

איהר זייט געווען די ערשטע שוואַלב
וואָס בריינגט מיט זיך דעם זומער;
דער ערשטער שיין, דער ערשטער שטראהל
אין נאכט פון גלות־קומער.

און אויפגעוועקט האָט איהר אין אונז
פארבאָרגענע געפיהלען,
א נייעס שטרעבען, נייעם גייסט,
אַ נייעם מוטה און ווילען.

און אויפגעלעבט האָט איהר אין אונז
דעם שעהנעם טרוים דעם אלטען,
דעם טרוים וואָס ליעגט אין אונזער ברוסט
צוויי טויזענד יאָהר באהאלטען...

איהר האָט פארלאָזען קרובים, פריינד
אונ יוגענדס-גליק — די שולע!
צו אויסטרעטען דעם פאָלק א וועג,
וואָס פיהרט צו זיין גאולה.

אונ יעדערער פון אייך געקעמפפט
האָט פורכטלאָז, ווי אַ גבור:
געליטען שטורעם, היץ און קעלט,
געליטען דורשט און פיבער...

ביז אייער ווילען, דרייסט און מוטה
פארוואנדלען, ווי דורך כשוף,
אין וויין-גערטנער דאָס מדבר-לאַנד,
די חורבות — אין א ישוב...

ביז ווידער קלינגט די אלטע שפראך
און נייע גערטנער בליהען.
און שטעדט און דערפער וואַכען אויף
אין אלטען — נייעם ציון...

אָה, זייט געבענשט, אָה, זייט געגריסט,
איהר העלדען-פיאָנערען!
איהר זייט א ליכט-טהורעם פאר אונז
אין ים פון בלוט און טרעהרען...

אונזער יוגענד

פריינד, געדענקסט די ערשטע שטראַהלען
פון דעם פריהלינג... דעם מאָמענט,
ווען אונז האָט געדוכט אז ס'פאלען
ענדליך איין די גהעטאָ ווענד?

אויפגעשטאַנען איז א העלד דאָן
אונערוואַרטעט, אונגעריכט,
און געלייכט אין אונזער וועלט דאָן
ווי א וואונדערבארע ליכט...

און זיין אויפרוף האָט געקלונגען:
„וואנדער־פאָלק, בוי אויף א היים!"
„יונגע אידען ווערט פון יונגען" —
„אויב איהר ווילט איז דאָס קיין טרוים"...

ווי א מעכטיג קול פון שופר
האָט דאָס פאָלק געוועקט זיין רוף;
ס'האָט געדוכט דער „עם־הספר"
כאפט זיך תחית־מתים אויף.

ס'האָט גענומען זיך באַוועגן
אונזער אַלט-פאַרשלעפערט וועלט...
אָפּגעלעבט ווי נאָך אַ רעגן
האָט דאָס אויסגעדאַרטע פעלד;

אויף די זון-פאַרברענטע וויזען
דורות-לאַנגע וויסט און שטום,
וואו-ניט-וואו האָט זיך באַוויזן
דאָ אַ זאַנג און דאָרט אַ בלום.

יעדער זאַנג און יעדע בלימעל
ווי פיעל פרייד האָט אונז געבראַכט!
פון זיין טויזענד-יעהריג דרימעל
האָט צום סוף דאָס פאָלק ערוואַכט —

און אַ סוף! אָט קומט ער מעלדען,
אַז ער איז ניט מעהר קיין קנעכט:
זיינע קינדער, ווי די העלדען,
וועלען קעמפּפען פאַר זיין רעכט.

און באַגייסטערט פון זיין טוגענד,
פון זיין ריין-פאַרגאָסען בלוט,
דרייסט ערוואַכען וועט זיין יוגענד
פול מיט קאַמפּף-לוסט, שטאָלץ און מוטה.

יאָ! זיין יוגענד זי וועט צייגען,
אַז דער וואָלגענדער ישראל
קען נאָך לעבען, קען נאָך שטייגען
הויך און מעכטיג ווי אמאָל...

נאָבעלע און גרויסע טהאַטען
האָט דאָס פאָלק פון איהר ערוואַרט...

— — — — — — — — — — — — —

כ'האָב געגלויבט, ס'האָט אונז פעררראַטען
אונזער יוגענד — און גענאַרט!

ס'איז א לאַנגע צייט פארלאָפען —
און מיר שטעהען ווי בעפאָר
און מיר וואַרטען אלץ און האָפען —
נאָר ניטאָ קיין נייער דור!...

אויף דעם אידען'ס פעלד דעם וויסטען
ניט עס שפראָצט און ניט עס בליהט;
אונזער יוגענד — טויזענד „איסטען" —
זעלטען נאָך א יונגער איד...

„בונדען" פלעגט די יוגענד גרינדען!
נאָר ניטאָ, ניטאָ דער בונד,

וואָס זאָל היילען און פאַרבינדען
אונזער ברענענד־אלטע וואונד!

וואָס זאָל אויפבינדען אין איינעם
די ענטבונדענע נאַציאָן...
אויב, א פאָלק פון לויטער זקנים —
ווער וועט טראָגען דען זיין פאָהן?

כ'האָב מיין שאַנד אין זיך געטראָגען
האָב געשעהמט זיך און געשטומט...

— — — — — — — — — — — — — —

נאר די שטונדע האָט געשלאָגען,
זעהסט, מיין פריינד! די יוגענד קומט!

אַ ליעד אָהן אַ סוף

עס האָט מיך אַ סיבה געטראָפען;
כ׳האָב, ברידער, אַ ליעד אנגעשריעבען,
האָב אָבער מיין ליעד ניט געענדיגט,
בין ליידער אין מיטען געבליעבען...

„...ווייטע סטעפּעס, וויסטע וועגען;
הילפלאָז, עלענד, שוואַך און אָרעם,
וואַנדערט אום אַן אלטע אומה,
פאַרענט טוידט און הינטען קברים...

לויפט פון שונא און צום שונא,
לויפט צו שרעק, פון שרעק געטריעבען...“

כ׳האָב אָבער מיין ליעד ניט געענדיגט,
בין ליידער אין מיטען געבליבען...

יעצט זוך איך אַ סוף צו מיין ליעדעל,
עס נעהמט מיך קיין רוה און קיין שלאָף ניט,
דאָס ליעד אָבער בלייבט אונגעענדיגט —
ווייל איך זעה נאָך ליידער קיין סוף ניט...

פּאָגראָם

וויעדער טראָגט זיך ווי א שטורעם
 ווייט און ברייט דער קלאַנג; פּאָגראָם!
אידיש בלוט און אידיש טרעהרען
 פליעסען וויעדער אין א שטראָם;

וויעדער ווערט אין אַש פאַרוואַנדעלט
 אונז׳רע ברידער׳ס האָב און גוטס,
אונז׳רע שוועסטער׳ס צניעות, עהרע
 וויעדער ליעגט באפלעקט אין שמוטץ...

וויעדער ליעגען אונז׳רע קדושים
 הפקר אויף׳ן פעלד, ווי מיסט;
אונערקענטע, אונבעוויינטע
 און געפאַלענע אומזיסט...

וויעדער אָהן א סוף קרבנות
 פון דעם בייזען שונא׳ס האַנד;
וויעדער בעטעלט מען נדבות
 אויף דעם גרויסען בראַך און שאַנד...

ס'שטעהט דאָס אלטע פאָלק געבויגען,
שוואַך און הילפלאָז צו דער ערד,
וועהרט זיך מיט „אל מלא רחמים"
קעגען שונא'ס שאַרפען שווערד...

זיפצען קען עס, קלייבען פּרוטות,
וויינען, פאַסטען, מעסטען פעלד...
דאָס איז אלץ וואָס איז געבליבען
פיר דעם אלטען, שטאָלצען העלד.

און א פראַגע נאָגט אין האַרצען,
און עס מאַטערט דעם פאַרשטאַנד:
גאָט אין הימעל! וואָס איז שווערער —
אונזער וויטאָג אָדער שאַנד!...

יהודה המכבי׳ס גייסט

(געווידמעט די טאַפּפּערע קינדער פון דער
אידישער זעלבסט־פּערטיידיגונג אין רוסלאַנד.)

מיר טרוימט: א קבר אויף׳ן פעלד
ערעפענט זיך, פון איהם דער העלד
שטעהט אויף און פרעגט מיט צאָרען:
„וואו איז מיין פאָלק וואָס האָט געשטעלט
זיך קעגען שונא ווי א העלד —
וואו איז זיין קראפט פארלאָרען?

„וואו איז זיין שטאַרקע האַנד, זיין שווערד
וואָס ציטער׳ן האָט געמאכט די ערד,
וואָו איז זיין מוטה פארשוואונדען?
איך זעה א פאָלק פארצאָגט, פארטרעהרט,
און מוטהלאָז, שוואַך און אויסגעצערט,
און איינגעטונקט אין וואונדען!...״

און איך פיהר איהם אראָב אין תהום,
אין רוסלאַנד׳ס העהל, וואו א פּאָגראָם
זידט ווילד, ווי שטור׳ם רוישענד.

די ערד זאַפּט בלוט איין ווי א שוואָם,
און העלדען קעמפּפען געגען שטראָם —
ס׳קעמפּפט איינער געגען טויזענד.

די אַרעמס-שטאָהל, די הערצער גלוטה,
אין שטראָמען פליסט דאָס יונגע בלוט —
זיי גיעבען זיך ניט אונטער...
און גרענעצלאָז איז זייער מוטה!...
יהודה׳ם בליק א ווילע רוהט,
דאן רופט ער הויך און מונטער:

„אָה, קינדער! כ׳האָב אייך יעצט דערקענט:
אין אייך דער אַלטער פייער ברענט
וואָס איך האָב אָנגעצונדען...
איהר האָט מיין נאָמען ניט געשענדט,
געבענשט די הערצער און די הענד!
געבענשט!...“

— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

און איז פארשוואונדען.

צו די שקלאַפּען

אײַער שטראָף וועט איהר באַקומען שפּעטער,
ווען ס׳וועט אַ פאָלק פון גליק בעזועלט,
אײַך שטעמפּלען אלס די פאָלקס-פערעטער,
אלס שקלאַפּען פון אַ פרײַער וועלט...

איהר פרייד—און האָפענונג—צוטרעטער,
איהר קינדער פון דעם גלות-שאַנד,
אײַער שטראָף וועט איהר באַקומען שפּעטער
פון פרײַעם פאָלק אין פרײַעם לאַנד.

ווען ס׳וועט די יוגענד אײַך פאַראַכטען
און שעהמען, שעהמען זיך מיט אײַך,
און אײַך אלס פייגלינגע באַטראַכטען
אין צייט וואָס איז מיט העלדען רײַך.

קיין העלען פונק האָט ניט געצונדען
די פרײַהייט׳ס זון אין אײַער האַרץ,
איהר זייט געבליעבען שוואַך, געבונדען
אין גלות-נאַכט פאַרשטומט און שוואַרץ...

און ניט געקענט האָט איהר זיך הויבען
צום פאָלק, וואָס פרייהייט האָט געגאַרט,
צום פאָלק וואָס האָט מיט שטאָלץ און גלויבען
אויף זיין באפרייאונגס-טאָג געוואַרט.

אייער שטראָף וועט איהר באקומען שפּעטער,
ווען טהאַט וועט זיין דעם אידען'ס טרוים...
איהר זייט די לאַנג פארפוילטע בלעטער
פון אונזער אייביג גרינעם בוים!

צו זיי

ניין! ווי פיעל איהר זאָלט מיך ניט טרייבען — זייט זיכער,
מיך וועט קיין פארפאָלגונג ניט שרעקען;
וואָס מעהרער עס וועט אייער שקלאַפען-נשמה
פיר מיר אין איהר שאַנד זיך ענטדעקען,
אלץ שטאַרקער און הייסער וועל איך אין איהר זוכען
א ווילען א פרייעם צו וועקען.

וואָס מעהר איהר וועט זוכען ארונטערצושלעפען
די גייסטרייכע טרוימערשע זעעלע
צו אייך אין דעם אָבגרונד פון שמוטץ און פון שאַנדע,
צו אייך איך די שקלאַפישע העעלע —
אלץ ריינער וועט פליסען פון גרונד פון מיין הארצען
די וואַרהייט'ס אונשעפּפּבאַרע קוועלע.

וואָס מעהר איהר וועט זוכען מיין דורשט נאָך באפרייאונג
מיט גיפט פון פארלעצונג צו שטילען,
אלץ אנוועגדען וועל איך נאר שטאַרקערע כחות
מיין הייליגע פפליכט צו ערפילען,
אלץ מעכטיגער רופען צו אייך וועט מיין שטימע
און וועקען נאר פרייע געפיהלען.

איהר האָט נאָך די קראַפט פון א גייסט ניט געמאָסטען,
איהר קענט ניט די זעעלע פון דיכטער;
וואָס שוואַרצער די נאַכט און וואָס טיעפער דער חושך,
די וואָלקענס וואָס שווערער, געדיכטער —
אלץ הייסער צוגליהט זיך דער פלאַם אין זיין הארצען,
אלץ גערנער דעם חושך פארניכט ער.

און מעגט איהר אויך שטירצען דעם טעמפעל פון אמת,
און דיענען צום אָבגאָט פון ליעגען.
אין אייערע רייהען פיר אייער באפרייאונג
אליין קעגען אייך וועל איך קריעגען,
פאר אייך וועל איך קעמפפען און קעגען אייך קעמפפען
פאר אייך — קעגען אייך וועל איך זיעגען!

דער רוף

ניין, דאָס איז ניט קיין לעגענדע;
כ׳הער א מעכטיג־שטאָלצען רוף:
„איד, דער גלות איז צו ענדע
איד, דיין פאָלק לעבט ווידער אויף!

„איד, דו טאָרסט ניט לענגער דרימלען
אונבאוועגט און אונגעשטערט,
ווען עס גליהען נייע הימלען,
און עס בליהט א נייע ערד...“

העלער, העלער, העכער, העכער
קלינגען קולות אָהן א שיעור...
ניין, איך בין ניט קיין פארברעכער,
ליעבעס פאָלק, איך געה מיט דיר!

אלעס, אלעס וועל איך געבען;
נעהם מיין הארץ און נעהם מיין האנד,
דו, מיין ליעבעס פאָלק, זאָלסט לעבען
אין דיין גאָט־געבענשטען לאנד.

דורות האָט מען מיך געטריבען,
מיך געמאַטערט אָהן ערפאָלג;
ס'איז נאָך קראפט אין מיר געבליבען,
כ'גיב עס געוען דיר מיין פאָלק.

נאר די פוילע, געלע בלעטער
פאלען אָב פון גרינעם בוים,
נאר א שקלאַף און א פאררעטער
העלפט ניט בויען איצט זיין היים...

ס'שלאָגט די שעה פון וועלט-באנייאונג,
שטעהען פון ווייטען איז א זינד;
אין דעם טאָג פון דיין באפרייאונג
בין איך, פאָלק, דיין טרייעס קינד!

אויפ'ן וועב־שטוהל

פאָדים צו פאָדים, א באַנד צו א באַנד
וועבען מיר, ברידער, דאָס שעהנע געוואַנד,
וואָס וועט באַציערען דאָס אַלט־נייע לאַנד
מיט פרייהייט, מיט פרייד פון ערפאָלג;
מיר וועבען, מיר וועבען
פון צוקונפט א לעבען,
און איבער אונז שוועבען
חלומות פון פאָלק.

די וועבער, די וועבער זיי קומען צולעצט;
דרינגענד און נויטיג די ארבייט איז יעצט,
אלץ וואָס דאָס פאָלק האָט אין לעבען געשעצט
וועבען מיר יעצט מיט ערפאָלג,
מיר וועבען, מיר העפטען
אום פעסט צו באהעפטען
די מוחות, די קרעפטען
פון וואָגלענדען פאָלק.

מיר וועבען, מיר וועבען, ניט ווערענדיג מיעד
ווער מיט זיין כח, און ווער מיט זיין ליעד,
אַ וועבער, אַ וועבער איז יעצט יעדער איד —
זיין ארבייט געבענשט מיט ערפאָלג;
מיר העפטען, מיר שטריקען
די פריידען, די גליקען,
וואָס וועלען דערקוויקען
דעם הימלאָזען פאָלק.

פאָדים צו פאָדים, אַ באַנד צו אַ באַנד,
ווער מיט אַ גאָלד-שטיק און ווער מיט אַ האַנד,
וועבען מיר, ברידער, דאָס שעהנע געוואַנד
און זיכער איז אונזער ערפאָלג;
מיר וועבען, מיר שפּינען
מיט האַרץ און מיט זינען,
ביז וואַן׳ מיר געפינען
דאָס גליק פון׳ם פאָלק.

צום קאמפף

מיר זיינען די קינדער פון פאָלק, וואָס פיר טוגענד
א היידען־וועלט אייביג פארפאָלגט;
מיר זיינען די מוטהיגע אידישע יוגענד,
וואָס געהען באפרייען דעם פאָלק.

צו אונז אלע יעניגע זאָלען זיך מעלדען,
וואָס פיהלען פון גלות דעם פיין;
וואָס גלויבען, אז בעסער איז פאַלען ווי העלדען
אלס אייביגע שקלאַפפען צו זיין.

צו אונז די וואָס קענען ניט מאַכען קיין שלום
מיט קנעכטשאַפט — מיט קושען דעם רוט —
צו אונז וואָס דער אייביגער אידישער חלום
פון פרייהייט — פארערבט איז אין בלוט.

צו אונז אלע קינדער פון ליעבע און טרייהייט,
צו אונז די וואָס זיינען בערייט
צו לעבען און שטרעבען און קעמפפען פיר פרייהייט,
אין פרייהייט — באגריסען דעם טוידט.

צו אונז די וואָס ווילען ניט בעטלען פון היינקער
נדבות — א לעבען פון שאַנד;
צו אונז אלע גייסטרייכע טרוימער און בענקער
פון יודישען אלט-נייעם לאַנד.

צו אונז די וואָס קענען ניט לענגער פארבלייבען
קיין הילפלאָזע עלענדע קנעכט;
מיר ווען ווי פערעל זיי איינציגווייז קלייבען
די קעמפפער פיר פרייהייט און רעכט.

מיר ווען ניט לאָזען פארראָסטען די וואפען,
מיר וויסען קיין וועג מעהר צוריק;
די שונאים די פרעמדע, די אייגענע שקלאַפען
ערקלערען מיר אייביגען קריעג.

מיר זיינען באוואפענט מיט מוטה און מיט ווילען,
און זיכער איז אונזער ערפאָלג;
און פאַלענדיג וועלען מיר, גליקליכע, פיהלען
אז ס'לעבט און עס בליהט אויף דאָס פאָלק.

די אידישע פרייהייט

מיר האָבען געענוג שוין פּאר פרעמדע געשאַפען
און זעהען שוין גוט וואָס עס איז אונזער לוין;
מיר ווילען ניט לענגער פארבלייבען קיין שקלאַפען,
און רייך מאַכען פרעמדע, און בעטלען אליין...

מיר האָבען געענוג שוין געבויט פּיראַמידען
פיר יעטווידען פּרעה אין יעטווידען לאַנד;
שוין צייט זיך באפרייען אלס מענשען און אידען
פון אייביגען גלות, פון אייביגען שאַנד.

אָה צייט שוין צו ברעכען פון גלות די קייטען,
צו שענדליכער קנעכטשאַפט זאָל נעהמען אַן ע׳ק,
און שטאַרקען און מוטהיגען איינער דעם צווייטען,
ביז וואַנען מיר וועלען ערגרייכען דעם צוועק.

און אָנפאַנגען קעמפפען, און אויפהערען וויינען —
מיר האָבען געענוג שוין געוויינט און... געשקלאַפט;
און זאָלען זיך אונזערע כחות פאראייינען
אין איין גרויסער, מעכטיגער, פרוכטבאַרער קראַפט.

און געהן אימער פאָרווערטס, און קוקען אויף שפּעטער
מיט פעסט־איבערצייגונג אין אונזער ערפאָלג;
א פיגלינג איז יענער, א שקלאַף, א פאררעטער,
וואָס העלפט ניט באַפרייען פון קנעכטשאַפט זיין פאָלק.

און צווישען אונז הערשען זאָל אחדות און טרייהייט,
א שטאַרקער, אן׳אמת׳ער ברודער־פאַרבאַנד־;
זאָל זיין אונזער מאָטאָ: די אידישע פרייהייט,
דאָס אידישע פאָלק פיר דאָס אידישע לאַנד!

אין יהודה

ס'ווינקט צו מיר א גאָרטען,
בײ יהודה'ס בערג;
די נאַטור צײגט דאָרטען
גאָט'ס א וואונדער ווערק...

בלויער זײד דער הימעל
און די לופט — קריסטאָל,
און א צויבער־דרימעל
שוועבט אויף באַרג און טהאָל.

דורך די סאַמעט־גראָזען
חן'עוודיג און מילד
פּאַלמען און מימאָזען
שמײכלען צו דעם בילד.

וואו ווי מיט א כיון
עמיץ וואָלט געמאָהלט
וועלדלאך פון אָליוועו
אין א ראַהם פון גאָלד...

וואו מיט בלום-בוטאָנען
אין דעם אבענד-טהוי
טונקען זיך ציטראָנען
אין א ים פון בלוי...

וואו א לערכען-קול׳כעל
וואונדער-קלאַנגען גיסט,
ביי א זילבער-קוועלכיל
וואָס פול סודות פליסט...

וואו די איילבערט ביימלאך
יונג און צארט און דין,
ווינקען אזוי היימלעך,
לאַדען איין אהין...

* * *

מנחה צייט; שוין שפעטלאך —
כ׳זעה ס׳שטעהט א איד,
שניידט פון בוים די בלעטלאך,
צווייגעלאך פארהיט.

טהוט זיין ארבייט גערען,
קלייבט, און שניידט און בינדט,

און פון ברוינעם שטערען
רינט דער שוויים און רינט...

* * *

ס׳הענגט א צויבער-דרימעל,
ס׳שפריצט מיט פרישען דופט;
דונקלער ווערט דער הימעל,
קיהלער ווערט די לופט.

טהויאיגע און פייכטע
דרימלען גערטנער איין,
אבענד-ווינטלאך לייכטע
וויעגען שטיל זיי איין.

ביי די שלאַנקע בוימער
ציה׳ן זיך שאָטענס אוים,
יעדערער א שומר
ביי זיין אויגען הויז...

שטענעלאך זיך שליינגלען,
קוקען מילד-פארטראכט;
הימעל׳ס גוטע ענגלען
זאָגען אָן די נאַכט...

סאַמעט־פעלדער ליעגען,
דרעמלען אונגעשטערט,
און א מזרח נגון
זאַנפט פארוויעגט די ערד...

ס׳פאַלט דער מזרח־אבענד
ווי א בלויער טרוים...

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

ס׳שטעהט דער איד און דאַוועננט
ביי זיין איילבערט־בוים...

„סיידי“

(די אידישע 14־יאָהריגע מיידעל אין ניו־יאָרק וואָס איז גע׳הרג׳עט געוואָרען פון הוליגאַנעס פארטהייהיגענדיג די אידישע פאָהן.)

נאָך א קרבן פאר׳ן פאָלק
ווידער אן עקדה...
נאָך א העלדין גרויס ווען קליין
אונזער שעהנע סיידי...

קליינעם־גרויסעם אידיש קינד
מ׳האָט דיין פאָהן באליידיגט
העלדיש־שעהן האָסטו עס, קינד
מיט דיין בלוט פארטהיידיגט...

נייע שלוחים קומען אָן
אונז די גאולה מעלדען...
און דיין נאָמען שיינען וועט
צווישען אלטע העלדען...

יאָהרען וועלען פיעל פארגעהן
רעדען וועט א זיידע

צו זיין אייניקעל אין שוים
פון דער קליינער סיידי.

פון איהר העלדענמוט איהר שטאָלץ
ווי זי האָט געגעבען
פאר דעם כבוד פון איהר פאָהן
הארץ און גייסט און לעבען.

יאָהרען וועלען פיעל פארגעהן
אונזער לאַנד וועט בליהען
פלאַטערען וועט אונזער פאָהן
אויף די בערג פון ציון.

אויפלעבען וועט פאָלק און לאַנד
גרוים און שטאָלץ זיין ביידע...
און א גליקליך פרייעם פאָלק
וועט דערמאָהנען סיידי...

דאָס לאַנד

קליין דאָס לאַנד און קליין זיין ישוב,
נאָר די פעלדער אייביג־גרין...
זאָג, מיין הארץ, וואו ליעגט דער כשוף
וואָס עס ציהט מיך אלץ אהין?...

הונדערט דורות, טויזענד יאָהרען
אז איך אָטהעם פרעמדע לופט,
און דער גלעד און דער שרון
אייביג צויבערט, אייביג רופט...

נאַכט האָט שטערען מיליאַרדען,
ערד האָט שטראָמען אָהן א שיעור,
נאָר איין הימעל און איין ירדן
שטראַהלט און גליהט און פליסט פאר מיר...

טויזענד בערג קאָן איך דערמאָהנען —
גאָט׳ס די שעהנסטע מייסטער־ווערק,
דאָך דער חרמון און לבנון
בלייבען אלץ די ליעבסטע בערג.

הארץ מיינס, זאג, וואו ליעגט דער צויבער ?
וועז איך וועגד אהין מיין בליק,
ווער איך נאכאמאל א גלויבער
אין מיין פאלק און אין זיין גליק.

פיהל איך ווידער זיך א גבור —
שטאלץ מיין הארץ און שטארק מיין האנד,
ים און מדבר שפרייז איך איבער,
ביז איך קום צו יענעם לאנד.

וואו איך האלז די אלטע שטיינער
און איך קוש דעם הייסען שטויב,
און מיין זעעל ווערט צארטער, ריינער,
און איך האף און ליעב און גלויב...

און איך וויין, איך וויין פון פריידען,
ווי א קינד אין מוטער'ס שויס,
און די שטומע שטיינער ריידען
פון א צוקונפט העל און גרויס...

און איך בין בערייט צו געבען
יעדען בארג און יעדען טהאל
גייסט און הארץ און קראפט און לעבען,
נאר ס'זאל בליהען ווי אמאל...

קליין דאָס לאַנד, און קליין זיין ישוב,
נאָר דאָרט ווייס איך ווער איך בין...
זאָג, מיין האַרץ, איז דאָס דער כשוף
וועלכער ציהט מיך אלץ אהין?...

פריהלינג

(געווידמעט צו אידישע קינדער.)

זעהט נור, קינדער, ווי א גוטער
מלאך קומט פון הימעל;
וועקט די ערד אויף — אונזער מוטער
פון איהר ווינטער־דרימעל.

וועקט אויך די משפחה איהרע —
— טהאָלען, בערג און קוואַלען: —
„שטעהט אויף, ליעבע, זינגען שירה,
ג׳ריסט די פריהלינגס שטראַהלען!

„שטעהט אויף, עופה׳לאך, אָה בלומען,
ליעגט ניט מעהר פארבאָרגען:
ס׳איז צו אונז א גאַסט געקומען —
לעבען׳ס העלער מאָרגען.

„פייגעלאך, הויבט אָן צו טרעלען,
בינעלאך — צו זומען,

שטראָמעלאַך, הויבט אָן צו קוועלען —
פריהלינג איז געקומען!

„גרעזעלאַך פון ווינטער־דרימעל
הויבט די קעפּלאַך שנעלער;
זעהט ווי מילד די זון פון הימעל
שמייכעלט אימער העלער...“

* *
*

קינדערלאַך, געננג צו דרימלען,
זעהט ווי ס׳נעהמט זיך וועבען
אויף דער ערד און אין די הימלען
נייעס יונגעס לעבען.

ווייט פון שטאָדט, אין פעלד, אין גאָרטען
לויפט געשווינדער מונטער;
יעדער זאַנג און בלום וועט דאָרטען
אייך דערצעהלען וואונדער.

העלער הימעל מיט דער שעהנער
גרינער ערד דאָרט שפּילט זיך...
לייכטער, קרעפטיגער און ריינער
יעדע ברוסט דאָרט פיהלט זיך.

באָדט זיך דאָרט אין ים פון שטראַהלען,
ליכט און זיסע רחות,
פון די ריינסטע לעבענס-קוואַלען
שעפּט דאָרט פרישע כחות.

ערד און הימעל — וועלט-רוים'ס צווילינג —
האַלזען זיך און קושען...
שיקט זיי ביידען דורך דעם פריהלינג
טויזענד ליעבע גרוסען !...

ביים ברעג ים

(געווידמעט צו מרס. אננא ליוויי.)

אין א זומער-טאָג א העלען
האָב איך אויף׳ן ים די וועלען
זינגענדיג געהערט:

„פרייהייט, פרייהייט איז אונז טהייער!
קיינער איז פון אונז ניט פרייער
אין דער לופט און אויף דער ערד.

און מיר שטיפען זיך און שפּילען
און מיר לויפען וואו מיר ווילען,
און מיר ווייסען ניט פון יאָך;

און מיר קעמפּפען מיט די סקאַלען,
פיעלע, פיעלע פון אונז פאַלען,
און מיר זיעגען ענדליך דאָך.

פון די טוידטע קאַלטע שטיינער
וועט צום סוף ניט בלייבען איינער
ארום אונז אויף דיעזען ברעג;

טוידט און לעבען ווען זיי קריעגען
מוז דאָס לעבען ענדליך זיעגען,
פרייהייט ברעכט זיך דורך א וועג.

מעגען ברעכען אונז די סקאַלען,
מעג די זון מיט איהרע שטראַהלען
אונז פאַרוואַנדלען אויך אין דאמפף.

הויך דער ווינד זינגט אין דער לופט אונז,
און דער פרייער שטורם רופט אונז
אייביג פאָרטזעצען דעם קאמפף"!...

נאָך פּרוג

דו זאָגסט, אַז אַ ים איז דאָס לעבען,
די האָפנונג — אַן אַנקער פון שיף,
און רעכענסט בשלום אריבער
מיט האָפנונג דעם ים ברייט און טיעף.

ווי זינלאָז דאָס קלינגט, אוי ווי קינדערש,
אַז דו זאָלסט עס זאָגען אזוי...
דו שפּאַסט נאָר פון לעבען און האָפנונג,
ניט קענענדיג קיינע פון זיי.

אויב דו קענסט אַן אַנקער פארוואַרפען —
ווי פלאַך מוז דיין ים זיין, ווי קליין!
און איז דיין ים טיעף און אונענדליך —
וואָס העלפט דען דער אַנקער אליין?...

דער פּאָעט

ווי א כהן זיין נר־תמיד,
ווי א דיענער א געטרייער —
אין דעם טעמפּעל פון זיין זעעלע
צינדט ער אָן א פייער.

און וואָס טיעפער ס׳ווערט דער חשך,
און די נאַכט־שאָטענס געדיכטער —
העלער פלאַמט דער הייליג פייער
אין דער זעעל פון דיכטער.

און עס גליהט אין זיין נשמה
ס׳פלאַמט א הייליגער פארלאנגען;
אויסצוגיסען דיעזען פייער
אין א שטראָם פון קלאַנגען.

און די קלאַנגען דורך די כמאַרעס
ווי א לעבענס־רוף ערשאַלען,
און זיי וואַרימען און לייכטען
ווי די העלע שטראַהלען.

און זיי וועקען צו א לעבען
שעהנער, גליקליכער און פרייער —
ביז ביי מענשען אין די הערצער
צינדט זיך אָן זיין פייער...

יעדער קלאַנג, די נאַכט דורכדרינגענד,
שרעק און פינסטערניש פארניכט ער;
נאר צושמאָלצען אין די קלאַנגען
ווערט דאָס האַרץ פון דיכטער...

הערבסט

די נאַכט ציהט אויס זיך מורא'דיג,
דער טאָג פארשווינדעט באלד...

דער הערבסט פאלט מרה־שחורה'דיג,
אויף בארג און טהאָל און וואלד.

קיין שטראהל וועט שוין ניט גלעטען מעהר
מיט צערטליכקייט די וועלט;
דער הימעל וועט ניט רעטען מעהר
די ערד פון טוידט און קעלט...

אויף גרויע וואָלקענס רייטענדיג,
פון בייזען ווינד באגלייט,
שפּאַציערט דער הערבסט אויסבייטענדיג
אויף חושך — ליכט און פרייד...

פליקט איינעם נאָך דעם אנדערען
די בלעטער אָב פון בוים,
צוטרייבט די פייגלאך וואנדערען
צו זוכען ווייט א היים.

און דראָהענדיג, און שרעקענדיג,
אין יעדען מענשען'ס ברוסט,

רייסט ער אריין זיך, וועקענדיג
אן אימה אונבעוואוסטע...

און ס'פאנגען אָן צו טרויערען
נאַטור און מענש צוגלייך...
— — — — — — — — — — — — —
ווער ווייס ווי לאַנג ס'וועט דויערען
דעם ווינטער'ס קעניגרייך!

* *
*

דער ווינד, מיין לייב דורכגרייפענדיג,
וואַרפט שרעק אויף מיר און קעלט;
מיר דוכט איך הער איהם פייפענדיג;
„עס שטאַרבט, עס שטאַרבט די וועלט!“

דאָס האַרץ פארגעהט פון אומעט מיר —
דער ווינד ער רופט, מיר שיינט:
„שטעה אויף, שטעה אויף, און קום מיט מיר,
דו ביסט מיין טרייסטער פריינד!“

כ'קום רעגענדיג און האָגלענדיג,
און דו, אָה גלות-קינד,
פון ווינד מוזט לעבען, וואָגלענדיג,
און וואָגלען ווי א ווינד...“

הערבסט־שטימונג

ס׳איז דער זומער שוין
לאַנג, אָה לאַנג פאַרביי.
און דער הימעל הייגגט
שטום און שווער ווי בליי.

און דער רעגען טריפט,
אָהן אַן אויפהער טריפט,
און אין אומעט איז
אַלץ ארום פאַרטיעפט.

און א בייזער ווינד
וואָיעט, רוישט און פייפט,
מיט א טיעפען שמערץ
יעדע זעעלע גרייפט.

מיט א טיעפען שמערץ
פילט זיך אָן מיין האַרץ;
ווי אין גאס איז דאָרט
מוטנע, וויסט און שוואַרץ...

*　　*

*

אין אזעלכע טעג
וויל איך זיין אליין:
קיינער זאָל ניט זעהן
ווי איך לייד און וויין.

אין אזעלכע טעג
זייץ איך שטום, פארטראכט,
ערגעץ זעה איך ווייט
בילדער שווארץ ווי נאכט.

כ׳זעה מיין לעבען געהט
ווי דער הערבסט אוועק;
קאַלט און וואָלקענדיג,
דונקעל, פול מיט שרעק...

ערגעץ הער איך ווייט
א פארשטיקטען קלאנג;
גלות-קינד, דיין הערבסט,
ציהט זיך לעבענס-לאנג.

ס׳האָט די ליעבע זון
קיינמאָל דיר געשיינט,
און דיין לעבען איז
אייביג וויסט ווי היינט...

וואָלקענדיג, אין שרעק
אייביג איינגעהילט —
און דער ווינד, מיר דוכט,
פייפט צום טאַקט און שילט:

„ווי דער ווינד אין הערבסט
אייביג וואָגעל אום,
אָבגעלעבט, פארוועלקט
ווי אין הערבסט א בלום;

און דיין יאָך פון וויעג
ביז צום קבר טראָג,
טרויעריג, פארטרעהרט
ווי אין הערבסט א טאָג.

ביז א דאַך, א היים
דו פיר זיך ערווערבסט
מוז דיין לעבען זיין,
אייביג, אייביג הערבסט!...“

דער טויט פון זומער

בארג און פעלד און טהאָל ארום מיר
וועלקט און דונקעלט, פוילט און דארט;
אך דער שיינער, רייכער זומער,
עלענד, אָרים, נעבאך שטארבט...

אזא שלל פון ליכט און פארבען
האָט ניט לאנג זיין הויז באקרוינט.
און אין עלענדקייט צו שטארבען,
בלויז פון בייזען ווינד באוויינט!...

אזא אייגענס אָנגעקליעבען,
אזא רייכטהום, ציערונג, גלאנץ,
און ביים קבר ניט געבליעבען
ניט צו־מאָל קיין בלומען־קראנץ...

איך געדענק ווען ער פלעגט דרימלען
אויף זיין וויכען סאמעט־בעט,
און עם האָבען פורפור־הימלען
איהם געהילט פון פריה ביז שפעט.

און דער מאָרגען מיט זיין קומען
האָט מתנות איהם געבראכט
דופטענד-פרישע קראַנצען בלומען
שעהנהייט, ליכט, געזאנג און פראַכט.

וואָס פאר רייכטהום! זילבער-קוואַלען
קונציג פאַרבען-רייך געמאָהלט...
הויפענס, הויפענס העלע שטראַהלען
אויסגעוועבט פון זייד און גאָלד.

גאָלד און פערעל אויף די פעלדער,
דימאַנטען אין יעדען קוואַל,
אין די גראָזען, אין די וועלדער
אוצרות, אוצרות איבעראל.

יעדער שטראָם האָט העל און קוועלענד
איהם געשמייכעלט און געגריסט...
און אָט שטארבט ער אָרים, עלענד
און זיין פאלאַץ — שטום און וויסט.

און אין קבר פיהרען גיך איהם
שווארצע וואָלקענס אָהן א שיעור...
אין געליהענע תכריכים
ליגט דער זומער — דער גביר...

פון מיינע חלומות

איך האָב געזעהן א העליש פלאַם...
צוגאָסען האָט זיך ווי א ים
אונענדליך ווייט דער גיהנם-שטראָם,
און ס'האָבען פון דעם פייער-תהום
די חוואַליעס מיט א ווילדען ברום
געגאָסען טוידט אויף אלץ ארום...
פון פייער און פון רויך געשטיקט
האָט זיך די ערד צונויפגעדריקט
און צאפּלענדיג פון שרעק און גרויל
געפלאַטערט אין דעם פלאַמען-מויל...
און ס'האָט געדאכט מיר, אז די ערד
האָט אָטהעמען שוין אויפגעהערט
און האָט זיך אָבגעגעבען שטום
דעם טוידט וואָס רינגעלט איהר ארום...
און אויבען שווימט די לבנה בלאס
און שמייכעלט קאַלט, און טרייבט נאָך שפּאַס...

און אויפגעשטויגען אויף א בארג
האָב איך; און פיהלענדיג זיך שטאַרק,

האָב אלע כחות אָנגעווענדט,
און הויך געשריען: ס׳ברענט, עס ברענט!
אָה מענשען, ס׳ווערט די וועלט צושטערט —
שטעהט אויף און ראַטעוועט די ערד!
און מחנות מענשען אָהן א צאָהל,
דערהערענדיג מיין מעכטיג קול,
גענומען לויפען האָבען שנעל...
— עס שטיקט די שטימע אין מיין קעהל

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

זיין ערשטער אויפטריט

דער פאַרהאַנג איז געפאַלען;
פון „בראַוואָ“ הילכט דער זאַל;
און קולות „בים“ און „אַנקאָר“
ערקלינגען איבעראַל.

עס הילכען טויזענד שטימען
ווי פון איין שטאַרקער ברוסט,
און טויזענד אויגען פינקלען
מיט קנאה און מיט לוסט...

ער האָט דעם קאמפף דעם שווערען
געוואונען ווי א העלד;
אָט שטעהט ער יעצט באוואונדערט,
פארגעטערט פון דער „וועלט“.

די „וועלט“ וואָס האסט, פארשפאָטעט
זיין גאנצעס, גרויסער פאָלק,
די מאַכט פון איהם אן אָבגאָט
ביי'ם ערשטען זיין ערפאָלג...

ער הערט אפּלאָדיסמענטען
אונ קולות שטורמיש־ווילד;
ער שטעהט פערגאפט, פארוואונדערט,
עס מאָהלט זיך איהם א בילד...

דער „אבענד" און זיין לעבען —
אַך, וואָס פאר א קאָנטראַסט!
איין אבענד נאר באוואונדערט
און לעבענס־לאַנג פארהאַסט...

עס מאָהלט זיך איהם זיין יוגענד —
באליידיגונג און שמערץ;
ווי אָפט האָט מען פארוואונדעט
זיין יונגעם ריינעם הארץ.

ווי אָפט האָט מען געלאָשען,
אוים שנאה צו זיין שטאַם,
דעם פייער פון זיין זעעלע,
דעם קינסטלער׳ס הימעל־פלאַם...

ער האָט נאָר שפּאָט געפונען
אין לעבען אומעטום;
ער איז א איד געבאָרען —
אַן אייביגער בעל־מום...

און יעצט די „וועלט“, די שטאָלצע —
זי ליגט צו זיינע פיס...
ער איז איהר העלד, איהר אָבגאָט —
זי דונערט „בראוואָ„, „בים“.

די טויזענד-קעפיגע מאַסע
באהערשט נאָר איין געפיהל;
„אָה, נאָך א ווײלע, קינסטלער,
אָה, איין מאָמענט נאָך שפיעל!

„אָה, נאָך א ווײלע, קינסטלער
פארשאַף אונז פרייד און גליק!“...
— א טיעפער טרויער ווײזט זיך
אין זיין פארטראכטען בליק.

ער האַסט זי יעצט; ער ווייס שוין —
די „וועלט“ איז ווי א שקלאַף;
זי בוקט זיך צו די שטאַרקע
און טרעט אלץ וואָס איז שלאַף.

צו הייליג איז די קונסט איהם,
צו קליין די „וועלט“ — אָה ניין!
ער קען יעצט מעהר ניט שפיעלען —
אויך ער וועט ווערען קליין...

ער קען יעצט מעהר ניט שפּיעלען!
עס דוכט איהם; זיין ערפאָלג
באליידיגט טיעף זיין זעעלע,
באליידיגט טיעף זיין פאָלק...
* *
*
עס הילכען טויזענד שטימען
ווי פון איין שטאַרקער ברוסט,
און טויזענד אויגען ברענען
מיט קנאה און מיט לוסט:

און נייגערונג, ערוואַרטונג
פון יעדען פּנים שטראַהלט,
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
ער איז ארוים און האָט נאָר
פארנייגט זיך העפליך־קאַלט...

צוויי ריטער

(א ראש־השנה׳דיגער חלום.)

אויף דעם שייד־וועג, וואו עס בייטען
אין דעם וועלט־רוים זיך די צייטען,
זעה איך יעצט צוויי ריטער רייטען —
איינער יונג, דער צווייטער אלט;

און וואו ס׳טהיילען זיך די וועגען
זעה איך מענשען זיך באַוועגען,
לויפען אויפגערעגט אַנטקעגען
צו די ריטער, שרייענד; האַלט!

וויסען, אַלטער, זאָל דיין שכן,
אַז דו האָסט דיין וואָרט געבראָכען:
האָסט אונז פרייד און גליק פארשפּראָכען —
און געלאָזען אונז אין וואלד...

„זעה, פיעל טרוימען ניט עררייכטע,
חובות נאָך ניט אויסגעגלייכטע,

הערצער טריעבע, אויגען פייכטע,
עלענד, נויטה און יאָך און ג׳וואַלד!

זעה, עס בלוטען נאָך די וואונדען,
ניט געהיילט און ניט פארבונדען...“
נאר דער אַלטער ווערט פארשוואונדען
מיט א שמייכעל שפּאָטיש־קאַלט...

דאן הייבט־אָן דער צווייטער שיקען
צו די מענשען מילדע בליקען,
וואָס פארשפּרעכען נייע גליקען —
און זיין יונגער פנים שטראהלט...

יעדער מענש, פון בליק געטראָפען,
ווערט בארוהיגט, הייבט אָן האָפען,
און ווערט ווידער איינגעשלאָפען
אין א צויבער־חלום באַלד...

צום נייעם יאָהר

און מאַכסטו, גאָט, א נייעם יאָהר —
זאָלסטו איהם ניט פארדאַרבען,
דו זאָלסט פיר איהם באַנוצען נאָר
די וואהרע שטאָף און פאַרבען.

די שטאָף און פאַרבען קלייב אויס גוט
עס זאָל פון זיי ניט ווערען
קיין רויטער יאָהר, געפארבט ווי בלוט,
קיין פייכטער יאָהר — פון טרעהרען.

קיין בלאַסער יאָהר — פון שאַנד און שפּאָט,
קיין הייסער יאָהר — פון פייער...
דו מאַכסט א נייעם יאָהר, אָה גאָט,
דען זאָל ער זיין א נייער!

ער זאָל אי שעהן, אי ריין ארויס —
אָהן שרעק, אָהן שלעק, אָהן קללות,
ניט צעהר איהם נאָר מיט הונגער אויס,
ניט שווארץ איהם אָב מיט גלות...

דו גיסט אונז, גאָט, א נייעם יאָהר,
דאַן זאָל ער אמת ניי זיין —
די הערצער פריש, די אויגען קלאָר,
די גייסטער זאָלען פריי זיין.

דיין פאָלק זאָל מעהר ניט זיין פארשקלאפט,
אָהן מוטה, אָהן גייסט, אָהן שטרעבען.
אָה, גיעב איהם, גאָט, א נייע קראפט,
אַ נייעם צוועק אין לעבען!

ער זאָל אראָפּוואַרפען זיין יאָך —
די שווערע גלות-פּעקלאך...
ער זאָל ניט דארפען קלייבען נאָך
פון פרעמדע טישען ברעקלאך!

ניט שפּייז איהם גאָט, אָה, מעהר ניט שפּייז
מיט שאנד און שפּאָט און קללות;
צום נייעם יאָהר א וועג איהם וויז
פון גלות—אך, פון גלות...

מיין „על חטא“

איך שלאָג זיך אין הארצען,
איך שלאָג זיך על־חטא;
כ׳האָב ברידער, חרטה,
אויב ס׳איז ניט צו שפּעט...

נאָר ניט אויף די זינד וואָס
אין מחזור ביי אייך,
איך האָב ניט געזינדיגט
מיט קהל צוגלייך...

בנשך ובמרבית —
איך ווייס ניט דערפון;
מיין אוצר פון גאָלד איז
דער הימעל, די זון.

במשא ובמתן —
אויך דאָס קען איך ניט:
מיין קראָם איז מיין הארץ, און
מיין סחורה — א ליעד.

בלצון — נו, געהט שוין,
איך שפּעט דען א סך ?
אַט לעזט מיינע ליעדער
און זעהט — אויב איך לאַך...

בגלוי עריות —
עס איז דאָך א שפּאס:
אַ אידישער דיכטער
וואָס קען ניט די גאַס...

בבטוי שפתים —
ניט מיין דער על-חטא!
כ׳האָב ווייניג גערעדט און
האָב פיעל ניט דערערעדט...

בריצת רגלים —
אַך, לאָזט מיך צורוה:
עס ווילט זיך אנטלויפען —
ניטאָ אָבער וואו...

איך שלאָג זיך אין הארצען,
איך שלאָג זיך על-חטא,
וואָס איך בין געבאָרען
צו זיין אַ פּאָעט.

וואָס כ'טרוים ניט פון גאָלד, נאָר,
פון פעלד און פון בוים,
וואָס איך האָב פארביטען
אַ וועלט אויף אַ טרוים...

מיין סוכה

אַ פענסטער, אַ פּאָר ברעטעלאַך,
אַ טהיר, אַ בינטעל סכך,
און שטאַרקער פון פּאַלאַצען איז
מיין סוכה׳לע אַ סך...

פון מאַרמאָר בויען אנדערע,
נאַר קומט אַ קאַטאַסטראָף,
פון בנין און פון שכן ווערט
אַ טרויעריגער סוף...

איך בוי פון סכך און ברעטעלאַך
אַ שוואַכינקען געצעלט,
און ווארפט איהם אום דער ווינד—ווערט באַלד
אַ צווייטער אויפגעשטעלט.

דער הימעל איז פאַר אנדערע
פאַרשטעלט פון שווערען דאַך,
און מיך די שטערען גאָלדענע
באַגריסען דורכ׳ן סכך.

עס פינקעלט יעדער שטערענדעל
און רעדט, און ווינקט, און בליצט:
„דער הימעל מוז זיך אימער זעהן,
עס מאכט ניט וואו מען זיצט..“

מיין סוכה איז פון ברעטעלאך,
זי האָט, דאכט זיך, קיין האפט,
און דאָך איז זי אַ מעכטיגע —
איהר שוואכקייט איז איהר קראפט...

עולי־רגלים

נאַכט. די גאָלד'נע שטערען צינדען
איינציגוויז זיך אָן אין הימעל;
אויף די וועגען פון יריחו
פאַלט אַ זאַנפטער, בלויער דרימעל.

לאַנגזאַם הילט די נאַכט איין אלעס
אין געהיימניספולען שווייגען..
פאַלמען שטעהען ווי פארטראַכטע
מיט אראָפּגעלאָזטע צווייגען.

און די פעלדער פון יריחו
אויף אַ לאַנגער־לאַנגער שטרעקע
ליעגען איינגעהילט און דרעמלען
אונטער גרינער זומער־דעקע.

רוהיג שווימט ארום די לבנה
צווישען שטערען מיליארדען,
און זיי שפּיעגלען זיך אָפּ אונטען
אין דעם שטילען בלויען ירדן,

און די קיהלע, מילדע נאכט-לופט
אָנגעזאָפּט איז מיט פּערפיומען
פון די וועלדער, פון די גערטנער,
פון די קרייטיכער און בלומען...

*   *
*

און ס'ציהען זיך לאנגזאם
פון דאָרטען, פון דאַנען,
אין רייהען פון קעמלען
אָהן צאָהל קאַראַוואַנען,

מיט פרוכט אָנגעלאָדען,
באהאנגען מיט בלומען;
ביין זייט געהען דאָרפס-לייט
אין ווייסע קאָסטיומען.

פון חברון, פון גלעד,
פון דן, פון אפרים —
צום הייליגען טעמפּעל
נאָך ירושלים...

אהין צו דער הארץ פון
דער שעהנער מדינה,

וואו ס'רוהט און אנטפלעקט זיך
די הערליכע שכינה...
* *
*

עס קלינגען די פסאַלמען
פון כאָר פילגרימען,
די בערג ווידערהאָלען
די יובלענדע שטימען.

און נאָהענט פון שטאָדט איז
דער צוג קאַראַוואַנען;
עס הערט זיך פון ווייטען
מוזיק פון אָרגאַנען,

פון האַרפען, גיטאַרען,
צימבאַלען און פיאָלען;
עס שטראהלען פון טעמפעל
די גאָלד'נע קופאָלען...

עס שטראהלען געזיכטער
פון זעגען און פריעדן.

— — — — — — — — — —

אזוי איז געוועזען
א יום-טוב ביי אידען...

ליכטעלאך

ביים ליעבליכען אָפּשיין פון אונזער פארגאנגענהייט
לאָמיר זיך ווארימען, קינדער!
אכט קליינינקע ליכטעלאך שיינען און פלאַטערען,
שעפּצען אמאָליגע וואונדער.

אכט קליינינקע ליכטעלאך! קינדער, פארשטעהט איהר
כאָטש,
ווייסט איהר פון וואנען זיי שטאַמען?
דאָס זיינען נשמות פון אלטע, אמאָליגע,
הייליגע מעכטיגע פלאמען.

און טהייער זייט איהר מיר, אָה ליכטלאך-נשמה'לאך,
שווער איז, איך וויים, אייער שליחות;
אַ פאָלק א פארשקלאפטען, פון גלות געבויגענעם
ווילט איהר דערצעהלען זיין יחוס...

איהר ווילט איהם דערמאָהנען אז ער, דער דערשלאָגענער,
שטאַמט פון אמאָליגע ריעזען,
וואָס האָבען אין קאמפף מיט א שונא א מעכטיגען
העלדענטהאט-וואונדער געוויזען.

ח

איהר ווילט איהם דערמאָהנען די זיעגרייכע, גלענצענדע,
הייליגע פאָלקס-אידעאַלען.
די אידען וואָס האָבען פאר פרייהייט געקעמפפט, און פאר
פרייהייט אלס אידען געפאלען.

מיט אייערע שטראהלענדלאך ווילט איהר דערוואַרימען
הערצער פון דורות פארפראָרען;
מיט אייערע פלאמעלאך ווילט איהר באלייכטען דעם
חושך פון צווייטויזענד יאָהרען...

טאָ לייכט-זשע, אָה טהייערע הייליגע ליכטעלאך,
וואָרט מיט דער אומה צוזאמען,
ביז וואנען עס וועלען די פלאַמעלאך אייערע
אָנצינדען העלערע פלאמען...

*　　　*
*

ביים הערליכען אָפשיין פון אונזער פארגאנגענהייט
לאָמיר זיך ווארימען, קינדער!
אכט קליינינקע ליכטעלאך שיינען און פלאַטערען,
שעפּצען אמאָליגע וואונדער!...

פסח

איך געדענק, מיר קינדער זיצען
מיט דעם זיידען ארום טיש;
דרויסען בלאָזט א פריהלינג-ווינטעל
און די לופט איז קיהל און פריש;

און די ערשטע זונען-שטראהלען
שוועבען, שפּיעלען דאָ און דאָרט;
גיסען גאָלד און זיידען'ס ברילען
און באזילבערען זיין באָרד...

איך האָב ליעב דעם אלטען זיידען
און זיין קלוג-פארטראכטען בליק.
טויטע דורות פון דעם עבר
מאַכט ער לעבעדיג צוריק...

אלטע צויבערפולע בילדער
פיהרט ער איינציגווייז פארביי;
ער דערצעהלט אונז אלטע מעשות,
וועלכע בלייבען אייביג ניי.

פון די פסח־טעג דערצעהלט ער,
פון די ליעבע שעהנע געסט,
אונזער שעהנעם חג־האביב,
אונזער ליעבען פרייהייטס־פעסט.

„פסח, אונזער פריהלינג יום־טוב —
וואונדערשעהן איז ער און הויך;
אין דעם לעבן פון א פאָלק גיבט
ניט נאָר פריהלינג — ווינטער אויך...“

„דאָן געוועזן איז אונזער פריהלינג:
נאָך א ווינטער בייז און קאלט
האָבען אונז די ערשטע שטראהלען
פון דער פרייהייטס־זון געשטראהלט...“

פון א שקלאפען־פאָלק דערצהעלט ער,
אָהן א לאנד און אָהן א היים,
וואָס געבויט האָט פרעמדע שלעסער
און געקנאָטען פרעמדע ליים.

און געטראָגען שקלאפען־קייטען
דורות לאנגע נאָכאנאנד,
ניט געזוכט זיי צו צוברעכען
און געקושט דעם שלעגער׳ס האנד...

און ווי מוטהיג אויפגעשטאַנען
איז א גרויסער קעמפּפער דאַן
און צוטראָטען און פארניכטעט
האָט די מאכט פון א טיראַן;

און געלערענט זיי, די שקלאַפען,
פרייהייטס-קאַמפף און מענשען-רעכט,
שוואכלינגע געמאכט צו העלדען,
שטאָלצע בירגער פון די קנעכט!

ווי דעם שווערען וועג צו פרייהייט
האָט דאָס שקלאַפען-פאָלק פארפאָלגט,
ביז דער ים האָט זיך צושפּאָלטען
פאר דעם ווילען פון דאָס פאָלק...

ווי א פייער-זייל פון גלויבען
האָט אין מדבר זיי באגלייט...
אלץ דערצעהלט דער אלטער זיידע
און זיין פּנים שטראַהלט פון פרייד.

„דאָן געוועזן איז אונזער פריהלינג.
און געקומען איז דערנאָך
פאר'ן פאָלק א ליעבער זומער,
פריי פון קייטען, פריי פון יאָך!..."

— „זיידע, זאָג, האָט לאנג געדויערט
יענער זומער, יענעם גליק?"
נאָר דעם אלטען׳ס קול ווערט שוואכער
און פארטראכטער ווערט זיין בליק.

„ליידער, קינדער, האָט אונז שפעטער
אויך קיין ווינטער ניט געפעהלט:
דיקע וואָלקענס, שווארצע כמאַרעס,
שטורעמס, ווינטען, האָגעל, קעלט...

ווידער איז פון לאנגען ווינטער
אלץ פארגליווערט, אלץ פארראָסט.
ווי פיעל כחות אויסגעפראָרען,
ווי פיעל הערצער טויט פון פראָסט!...

קאמפף און מוטה צוריק פארלאָרען,
ס׳פאָלק קנעט ווידער פרעמדען ליים,
ווידער טראָגט עס שקלאפען־קייטען,
אָהן א לאנד און אָהן א חיים—"

—„זיידע, זאָג, וועט דיעזער ווינטער,
אויך זיך ענדיגען אמאָל?"
און פון אלטענ׳ס אויגען טריעפען
טראָפּענס טרעהרען ווי קריסטאָל.

„יאָ, אָה קינדער, נאָכ'ן ווינטער
קומט א פריהלינג פון דאָס ניי;
אייביג וועט דאָס פאָלק ניט שקלאפען,
עס מוז ווידער ווערען פריי.

אויפוואכען אין איהם וועט ווידער
ווילען, מוטה און שטאָלץ און מאכט,
אויפגעהן וועט די זון פון פרייהייט
נאָך דער לאנגער גלות-נאכט...

נאָר דערוויל, דערוויל, אָה קינדער,
— ציטערט שוואך דעם זיידענס קול —
בלייבט נאָר פסח א זכרון
פון א פריהלינג פון אמאָל...“

צוויי סדרים

איך געדיינק, כ׳פלעג זיצען
אינגעל-ווייז ביים סדר,
טראכטענדיג ווי גוט איז,
גאָט, א איד צו זיין...

אלץ האָט דאן געלויכטען:
אי דעם טאַטענ׳ס קיטעל,
אי דער מאַמעס אויגען,
אי די כוסות וויין...

„פרעג, מיין זוהן, די קשיות" —
פלעגט דער טאַטע זאָגען
און דערביי געשמייכעלט
אַזוי הארציג-מילד!

גערען פלעג איך פרעגען
יענע אלטע קשיות
און זיך אזוי גליקליך,
גרויס און שטאָלץ געפיהלט...

נאָך דעם פלעגט דער טאַטע
ענטפערען זיין תירוץ,
נאָר א תירוץ, ס'דוכט זיך,
לאנג גאָר אָהן א שיעור!

כ'שטרענג זיך אָן צו הערען,
נאָר פון ערשטען וויין־כוס
שליסען זיך די אויגעלאך,
אָרים קינד, ביי מיר —

כ'הער ווי דורך א חלום:
„קנעכט געווען — באפרייט זיך —
פרעה'ם מכת בכורות —
פייער—בלוט..." א סוף!

מעהר קען איך ניט הערען,
ניט פארשטעהן דעם תירוץ,
פון דעם ערשטען וויין־כוס
שליסען זיך די אויגלאך,
אָרים קינד, איך שלאָף!

* *
*

איך בין אויסגעוואקסען —
און א נייעם סדר,

אונזער לעבענס-סדר
זעה איך ווייעדער היינט.

טיעף איז אונזער עהרע,
שטאָלץ איז אונזער יוגענד,
גרויס איז אונזער שפע —
אַלעס לייכט און שיינט...

ווי אמאָל אין קינדהייט
פרעג איך ווייעדער קשיות,
שווערע הארבע קשיות:
גאָט, פאר וואָס, פאר וואָס?...

וועלטען האָבען גרענצען,
ימים האָבען גרונדען,
נאָר צו אונזער אונגליק
איז ניטאָ קיין מאָס!

און דאָס לעבען ענטפערט
ווייעדער מיר א תירוץ,
און דער תירוץ ווייעדער
ציהט זיך אָהן אן עק;

כ׳הער ווי דורך א חלום:
„קנעכט זייט איהר געבליעבען!“
דם און — מכת בכורות,
חשך — בלוט און שרעק...

אונפארשטענדליך בלייבט מיר
ווי אמאָל דער תירוץ;
ס׳מורמלען מיינע ליפּען:
„גאָט, פארוואָס, פארוואָס?“

נאָר דעם סוף, ווי דאמאָלס,
וויים איך, כ׳וועל ניט הערען —
מיינע אויגען שליסען
וועט דער ביטער טראָפּען
פון דעם לעבענס־כוס...

שבועות

ס'איז ביי אונז א מנהג
לאנג-לאנג אָנגענומען
אויסצוציערען שבועות
יעדעם הויז מיט בלומען.

און דער אלטער מנהג,
ס'דוכט, ווי ליעב, ווי שעהן איז —
דאָך ווארום ערוואכט ער
טרוי'ריגע רעיונות?...

ווען איך זעה די בלומען
הייבען זיך אָן וועבען
אין מיין מח בילדער
פון אנאַנדער לעבען...

פֿול מיט שטעדט און דערפער
וואכט אויף א מדינה:
שטאָלצע פאלמען-וועלדער,
פעלדער אייביג-גרינע.

גערטנער פול מיט פרוכטען,
פעלדער פול מיט תבואות;
די נאַטור די רייכע
פייערט זעלבסט דאָרט שבועות...

אַך, ווי שעהן, ווי ליעב איז
חג־בכורים דאָרטען:
פול דאָס פעלד מיט זאנגען,
פול מיט פרוכט דער גאָרטען.

מענער שטארק ווי צעדער,
פרויען שטאָלץ ווי פאלמען
זינגען שבועות־הימנען —
וואונדערשעהנע פסאַלמען;

קינדער פריי און גליקליך
פון די לאַנקעס קומען,
טראָגענדיג אויף יום־טוב
קראנצען פרישע בלומען.

*   *

*

יענע בילדער שווינדען —
און איך בלאסער טרוימער, —
זעה פאר זיך א גהעטאָ,
אַנשטאָט פעלדער, בוימער.

יענע בילדער שווינדען,
וועלכן בלייבער, בלייבער...
און איך זעה א איד טראָגט
בלומען — אויף א זכר...

ניט דער איד דער שטאָלצער,
אך, א איד אן אנד'רער;
ניט א פרייער דאָרפס-מאַן,
נאָר א קראנקער וואַנד'רער.

לאנג האָט ער פארגעסען
זייהען, דרעשען, שניידען;
אויסגעלערענט האָט ער,
וואַנדערען און ליידען...

און פון הארצען רייסט זיך
מיר א זיפץ א שווערער:
„וועסטו אייביג, ברודער,
שוין ניט פריי זיין מעהרער?

קראפט, און מוטה, און ווילען
קיינמאָל מעהר באקומען,
אום זיך ניט צו ציערען
נאָר מיט פרעמדע בלומען?

און אויף טהוי און רעגען
בעטען גאָט אין הימעל,
אָהן אן אויגען צווייגעל
אָהן אן אייגען בלימעל?

נע־ונד, געיאָגט נאָר
ווילד פון גלות־שטורם,
פרעמד פון פעלד און גאָרטען
פייער'ן חג־בכורים?..."

תשעה באב

דו זיצסט אויף דער ערד ווי אַן אבל
אונ הייזעריג כליפּעט דיין קול...
דו זיצסט ווי עס זיינען אין בבל
די זיידעס געזעסען אַמאָל

אונ האָבען די האַרפען צושמעטערט,
ניט זינגען געוואָלט ציון'ס ליעד, —
פון דאַמאָלס אַן בלעטערט און בלעטערט
זיין אייביגע קינה דער איד.

פון דאַמאָלס אַן שווינדען די כחות
מיט יענעם פארשוואונדענעם גליק;
פון דאַמאָלס אַן האָבען די „איכה'ס"
פארהילכט אונזער שעהנסטע מוזיק.

דו זיצסט אויף דער ערד ווי אַן אבל,
די אייביגע קינה אין האנד,
דו לעזט זי פון טאָוועל צו טאָוועל —
ווי טיעף און ווי גרויס איז דיין שאנד!

שוין צוויי טויזענד יאָהר ווי עס דויערט
דיין קלאָג-ליעד וואָס האָט ניט קיין ענד,
שוין צוויי טויזענד יאָהר ווי עס טרויערט
אַ פאָלק וואָס האָט יובלען געקענט...

און איך — אַך ווי לאַנג וועל איך דאַרפען
באַוויינען אַמאָליגען גלאַנץ?
אָה, ברייגנג די צובראָכענע האַרפען
איך וויל זיי צוריק מאַכען גאַנץ...

„אוי מה היה לנו"

איינגעוויקעלט איז אין שוואַרצען
אי די בימה, אי דער אָרון...
ס'וויינט דער קהל, ס'רייסט ביים הארצען:
„אוי, וואָס איז פון אונז געוואָרען!..."

„אונזער מקדש איז אין פלאמען,
אונזער היכל..."
ליעבע אידען!
זעהט, איך וויין מיט אייך צוזאמען,
דאָך ווי ווינען מיר פארשיעדען!

טיעף און הייליג איז מיין טרויער,
און איך גיס ניט טרעהרען שטומע:
איהר באוויינט א וויסטען מויער,
איך באוויין א וויסטע אומה...

וויינענדיג מיט אייך צוזאמען
ווינען, ברידער, מיר פארשיעדען:
מיינע טרעהרען זיינען פלאמען
און זיי פליסען ניט — זיי זיעדען.

„אוי מה היה לנו!“ — ליעבער,
גרויסער גאָט, ווי שטארק דיין צאָרען!
פון אן אלטען פאָלק א גבור
איז א הילפלאָז קינד געוואָרען.

ניט קיין פלאמענדע פראָטעסטען
געגען שווערע גלות-לאַסטען —
זיפצען, וויינען, פעלדער מעסטען,
זיצען אויף דער ערד און פאסטען...

מיינע טרעהרען זיינען ריינער,
טיעפער, הייליגער — מיין טרויער:
איך וויין אויף די פיעלע וויינער,
אויף די וועניג, וועניג בויער...

איך וויין, וואָס די טרעהרען רינען
דורך די לאַנגע רייהען יאָהרען
אָהן א צוועק און אָהן א זינען —
אך, וואָס איז פון אונז געוואָרען!...

משה'ס לעצטע שטונדען

„געה צום בארג נ ב ו אין מואב —
רופט צו משה'ן גאָטעס קול —
און דאָס לאנד פון דיינע קינדער
זעה צום ערשטען-לעצטען מאָל"...

* *

*

און רויט ווערט ווי פורפור דער טיעף-בלויער הימעל
אין מזרח פון בארג פון נבו;
נאָר וואו-ניט-וואו שווימען אום וואָלקענדלאך-קנוילען
דורכזיכטיגע, קלאָרע ווי שנעע.

ס'איז שטיל; קוים באמערקבאר א ווינטעל א לייזער
באוועגט די קריסטאָלענע לופט,
און טראָגט פון דעם ווייטען לבנון און חרמון
א זאָנפטען, ערקוויקענדען דופט.

פון הינטערען בארג שטייגט די זון אויף זיך רייטלענד,
קוקט אויס האלב פארשעהמט, האלב פארקלעהרט,
דער פרינץ פון'ם מזרח, באמאנטעלט אין פורפור
קוקט שמייכלענד אראָפּ צו דער ערד.

אין זאנפטע, פיעלפארביגע שטראהלען באגאָסען
זעהט משה דאָס אידישע לאנד;
עס לייכט יעדער טראָפּען פון טהוי אויף די פעלדער
און פינקעלט און שיינט — א בריליאנט!

דער מאָרגען-זעפיר וועקט די בלומען, די גראזען,
און צערטעלט זיי מוטערליך-מילד;
עס וואַכט יעדעס פעלד אויף א יונגעס, א פרישעס,
אין בליטהען און שטראהלען געהילט.

און ערגעץ א לערכע הויך-הויך אין די וואָלקענס
די לופט די קריסטאָלענע שפּאַלט;
אַ לויב-געזאנג זינגט זי דעם גאָלדענעם מאָרגען,
וואָס דופטעט, און שמייכעלט, און שטראהלט...

* *
*

און א וואונדער-פּאַנאָראַמאַ
וויקעלט זיך פּאַרנאַנדער באלד:
רעכטס — דער גלעד, לינקס — דער שרון,
ביז לבנון'ס צעדער-וואלד.

ווי אַ טעפּיכע אַ גרינע
אין דער לענג און אין דער ברייט
ליעגען רונד ארום אויף מיילען
פעלדער, וויעזען אויסגעשפּרייט.

ווייסע דערפער איינגעפאסטע
אין א בליהענד-גרינער ראַהם...
בערג און טהאָלען, גערטנער, וועלדער
ווייט-ווייט ביז צום בלויען ים...

און אין מיטען פליסט דער ירדן
ווי א לאנגער גאָלד'נער שנור...
אויסגעגאָסען איז א כשוף,
רונד ארום אין דער נאַטור.

אויף די וויעזען סטאַדעס שעפסען
באָדען זיך אין הויכען גראָז.
ביי די קוואַלען, וועלכע שפּיעגלען
ווי געגילט-צושמאָלצען גלאָז...

און די הירטען זיצען זאָרגלאָז
ביי די סטאַדעס אויף דער וואַכט;
וואו-ניט-וואו שטעלט זיך א הירט אויף
האַלב-אַנדרעמעלט, האלב-פארטראכט.

שפּיעלט א ניגון אויף זיין פּייפעל,
און עס ענטפערט איהם אָפּ באלד
ערגעץ ווייט, ווייט א פאסטושקע,
און פערליערט זיך טיעף אין וואַלד...

*   *
*

און ס׳געהען די דאָרפס־לייט ארויס צו דער ארבייט
אין גאָרטען, אין סאָד און אין פעלד;
עס בלאַנקען די שנייד־מעסער, סערפּען און אקערס —
די וואפען פון פריעדליכען העלד.

עס פאנגט אָן די ארבייט אין פעלד און אין גאָרטען
און אלעס לעבט אויף מיט אַמאָל;
עס ציהען זיך קעמלען מיט תבואות באלאָדען
מיט פּירות, מיט גארבען אָהן צאָהל.

עס שאַלען געזאנגען פון פריעדליכע קעמפּפער,
און זיס און מעלאָדיש און שטארק
די עכאָס פון שניט־ליעדער הילכען אין לופטען
און קייקלען פון טהאָל זיך צום באַרג...

*   *
*

און דער אלטער נביא
זעהט די ליעבע בילדער,
הערט די זיסע קלאנגען
פון דעם פרעמדען בארג...

זיינע אויגען לייכטען
ווי די מאָרגען־שטראהלען,

און ער פיהלט זיך ווידער
יונג און פריש און שטארק.

ער גיסט אויס זיין זעעלע
אין א הייסער תפילה:
„גאָט פון אַלע גייסטער,
הער אויס מיין געבעט!

לאָז מיך דאָ ניט שטארבען
אויף דעם באַרג דעם פרעמדען
פאר מיין איין און איינציג
אונשולדיגען חטא...

ווי דער סנה אין מדבר
האָט מיין ברוסט געפלאַקערט
מיט אַ הייסער ליעבע
צו דעם שקלאַפען-פאָלק,

וואָס האָט ניט פארשטאַנען
ניט געביינקט נאָך פרייהייט:
אייביג ווידערשפעניגט,
אייביג ניט געפאָלגט.

דאָן האָב איך געזינדיגט...
דאָך ווי פיעל אין לעבען

בין איך אויסגעשטאַנען
לײדען, שפּאָט און שאַנד,

ביז פון קנעכט, פון שקלאַפן
האָב איך אויסגעבילדעט
בירגער פאַר דער צוקונפט
פון אַ פרייעם לאַנד...

יעצט ווען באַלד געענדיגט
איז דער וועג פון דערנער,
נאָך אַ קאַמפּף אַ שווערען
מיט אַ מדבר דור...

לאָז מיין פאָלק מיך ברייגנען
אין זיין לאַנד זיין ליעבען,
לאָז מיך זעהען מיין חלום
ענדליך אויפ'ן וואָהר..."

*   *
*

און לאַנג איז געשטאַנען דער נביא
אין תפילה פאַרטיעפט און פאַרקלערט;
נאָר שטום איז געבליבען דער הימעל —
עס האָט זיך קיין ענטפער געהערט.

דערנאָך האָט א כמארע פארצויגען
דעם בארג פון נבו, ווי אַ רויך,
און ס׳האָט זיך א מלאך אין וואָלקען
אין פייער געצייגט פון דער הויך.

ער האָט זיך צוקושט מיט׳ן נביא...
און אלעס ארום און ארום
איז נעבעלדיג-דונקעל געוואָרען,
אזוי ווי פארגליווערט און שטום.

נאָר הויך ווי א בליץ האָט געפינקעלט
אין וואָלקען א פייער׳ל העל:
דאָס האָט זיך צום הימעל געטראָגען
די עדעלסטע מענשליכע זעעל...

דוד׳ס האַרף

כנור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד,
וכיון שהגיע חצות לילה, רוח צפונית
מנשבת בו והוא מנגן מאליו. (ברכות, ג.)

(א לעגענדע.)

ווי דורך נעבעל די לבנה
שווימט ארוים מאַנכמאָל אין הימעל
אין א זומער-נאכט א שטילער
און גיסט אוים א צאַרטען אָפּשיין
אויף די שלעפערדיגע גאַסען,
אויף די טהורעמס, אויף די שלעסער,
וועלכע שטעהן ווי פאר׳כשופ׳ט
אין די אויסגעשפרייטע שאָטענס, —
אזוי שווימען מאנכע בילדער
אָפּטמאָל אויף אין מיין זכרון,
מאַנכע צויבערפולע זאגען,
אַלטע, הערליכע לעגענדען,
וואָס געהערט האָב איך אלס קינד נאָך
פון מיין רבי׳ן אין מיין חדר,

און באלייכטען מיט א ליעבען,
צאַרטען, העלען, מילדען אָפּשיין
מיין פארדונקעלטע נשמה...

„ביי דעם גרויסען קעניג דוד
מלך אין ירושלים,
אין זיין שלאָפצימער, צוקאָפּענס
היינגט אַן אַלטע גאָלד'נע הארפע.
און ביינאַכט, אום האַלב-נאַכט שטונדע,
דאַן, ווען ס'שלאָפען איין די מענשען
און מלאכים זינגען שירה, —
בלאָזט א צפון-ווינד א מילדער
און באוועגט די גאָלד'נע סטרונעס,
און די הארפע, ווי דורך צויבער,
הויבט פון זיך אליין אָן שפּיעלען —
און דערהערענד די אקאָרדען
כאפט זיך אויף פון שלאָף דער מלך,
און ביז זונען-אויפגאנג זינגט ער,
אין באגלייטונג צו דער הארפע,
וואונדער-רייכע שעהנע פסאלמען...“

און די פסאלמען יענע קענען
מיט געהיימער קראפט באוועגען,
אָנריהרען די פיינסטע סטרונעס

אין דער מענשליכער נשמה —
און די פּסאַלמען יענע דרינגען
טיעף צום גרונד פון מענשענס הערצען,
און זיי שעפּען פון די אוצרות
פון דעם מח און נשמה
אלע רייכע שעהנע פּערעל
פון רעיונות און געפיהלען...

ס׳שפּיעלט די האַרפּע — מעלאָדיען
פילען אָן דעם מלך׳ס צימער;
און עס הערט דער דיכטער-קעניג
אין די צויבערפולע קלאַנגען
טויזענד אונבאַקאַנטע שטימען
און נאַטור׳ס פאַרבאָרג׳נע סודות..

מאנכמאָל הערט ער א מעלאָדיע
שטאַרק און רוישענד, ווי דער ווינד וואָס
בייגט צו דר׳ערד די שטאָלצע צעדער
פון׳ם אלטען וואלד לבנון;
א גערויש ווי פון די וועללען
פון׳ם ווייטען ים-הגדול
בעת א שטורם-ווינד צו יאָגט זיי
און זיי זידען, און זיי שוימען,
שטייגען ווי א וואַנד און פאַלען,

ראַנגלען זיך און זיינען פּערטיג
בערג און סקאַלען איינצושלינגען,
וואַרפען זיך מיט ווילדען אימפּעט
אויף די ברעגען, און צופאַלען
אין מיריאַדען ווייסע שפּריצלעך
אַן די הויכע שאַרפע פעלזען...
און דעם דיכטער'ס פּסאַלמען קלינגען
שטאַרק און רוישענד, ווי דער שטורם:
„מן קול רעמך יחפזון
יעלו הרים, ירדו בקעות."
און דער ים און זיינע וועלען
קלינגען אָפּ אין זיינע ליעדער...

מאַנכמאָל הערט א מעלאָדיע
זאַנפט און מילד ווי דער שלח
ווען ער קייקעלט שטיל זיין וואַסער
צו די ברעגען, וואו ער לאַסצעט
קושט און צערטעלט די ערבות —
ווי א זילבער-קלאַנג פון ווייטע
מורמלענד פליסענדע פאָנטאַנען,
זאַנפטע קוואַלען פון עין-גדי —
ווי א שושקען זיך פון זאַנגען
אין די פעלדער פון בית-לחם,
ווען א ווינטעל לויז באַוועגט זיי,

רוימט זיי איין א סוד פון פריהלינג...
און דעם דיכטער־קעניג׳ס פסאלמע
ווי א זילבער־שטראָם טהוט פליעסען:
„בנאות דשא ירביצני
על מי מנוחות ינהלני!“
און פון האַרפע די אקאָרדען,
און די ווערטער פון די פסאלמען —
גיעסען, שמעלצען זיך צוזאמען
אין איין וואונדער־שעהנער הימנע...

אָפטמאָל הערט ער א מעלאָדיע
טרויריג, ביטער, ווי דאָס זיפצען
פון אן אָנגעוועהטאָגט הערצען,
ווי דאָס בעטען, ווי דאָס וויינען
פון איין עלענדער נשמה,
וועלכע זוכט, נאָר זעהט קיין הילף ניט
און קיין האָפנונג און קיין אויסוועג —
ווי א שטיל־פארצווייפעלט שלוכצען
פון די קרובים, וועלכע שטעהען
ביי א בעטעל, וואו עס גוסס׳ט
זייער בעסטער, ליעבסטער קרוב...
און פארטרויערט וויינט דער דיכטער,
דאַן זיין האַרף אקאָמפּאַנירענד:
„אפפוני חבלי מות
ומצרי שאול מצאוני“...

און זיין שמערצענ־פולעם קלאָג־ליעד
פילט די נאַכט־לופט אָן מיט טרויער...

מאַנכמאָל גיסט זיך א מעלאָדיע,
ריין און הייליג ווי א תפילה,
ווי א טיעפר, שטילער בענקען
נאָך אן אונבאקאנטען „עפּעס“
וועלכעס וועקט אין דער נשמה,
ווי דער ערשטער טרוים פון ליעבע,
ניי־געבאָרענע געפיהלען,
אונבאגרייפבארע פארלאנגען, —
ווי א ליעבער שעהנער חלום,
וועלכער וועבט זיך אוים אין הערצען
ביי דעם גאָט־געבענשטען דיכטער
און פארטראגט איהם, ווי דורך כשוף,
אויף די פליגלען פון באגייסט׳רונג
אין געהיימניספולע רוימען,
אין א ספער פון רייץ און שעהנהייט,
אין א רוים פון ליכט און שטראהלען,
אין א וועלט פון האַרמאָניען,
פון חלומות און געזאנגען —
און דער דיכטער הערט א כאָר פון
זעעלען וועלכע זינגען שירה
פאר דעם פראכט פון כסא־כבוד;

ריינע, זיסע ענגעל־שטימען
שאַלען, זינגען אין די הימלען
און באוואונדערען די שכינה...
און מיט זיי צוזאמען זינגט ער
אין באגלייטונג צו זיין הארפע:
„ה ל ל ו ל ו כ ל מ ל א כ י ו,
ה ל ל ו ה ו כ ל צ ב א י ו,
כ ל ה נ ש מ ה ת ה ל ל י ה —
ה ל ל ו י ה...“

* *
*

נאַכט נאָך נאַכט זאָ שפּיעלט די האַרפע,
נאַכט נאָך נאַכט זאָ זינגט דער דיכטער;
זינגט פון שטורעם און פון רוהע,
און פון זאָרגען און פון פריעדען,
פון פארצווייפלונג, און פון האָפנונג,
און פון טרויער, און פון פריידען...
אלע טיעפסטע האַרץ־באגריעפען,
אלע הייליגסטע געפיהלען
גיסט ער אויס אין זיינע ליעדער.
און פון גאָט־געבענשטען צווילינג:
„הארצען־שפראך“ און „הימעל־קלאַנגען“ —
ווערט באשאפען פיר דער מענשהייט
דאָס אונשטערבליך ווערק — דער תהלים...

און דער תהלים שוועבט און טראָגט זיך
איבער ימים, שטעדט און לענדער;
און אין פּאַלאַץ פון א קעניג,
און אין שטיבעל פון אן אביון,
אומעטום, וואו ער עררייכט נאר,
דאָרט געפינט ער באַלד אן אָבקלאַנג,
און באצויבערט און באגייסטערט,
יעדע זעעלע, יעדעם הארצען...

*　　*

*

דורות קומען און פארגעהען...
ווי א שפּיעלער אויף דער סצענע,
לענדער און נאַציאָנען בייטען
אויף דער ערד אום זייער פּנים...
דורות קומען און פארגעהען!
איין זאַך נאָר פארבלייבט אויף אימער
ביי די מענשען — א מלחמה
צווישען פעלקער, צווישען גלויבענס:
מענשען קענען ניט צוטהיילען
ניט די ערד און ניט דעם הימעל...
דאָך אין מיטען ווילדען כאַאָס
אין מהומה, און געטומעל,
ווי נאָר ס׳ניכטערט אוים די מענשהייט
פון איהר שכרות אויף א רגע —

און ס'הערט אויף דאָס ווילדעס קעמפּפען;
דאַן ערשאַלען צוויבער־ליעדער
אין די טעמפּלען, אין די קירכען
וועלכע רופען, וועקען, שאַפען
אין די הערצער פון די מענשען
ריינע הימלישע געפיהלען,
הערט זיך איין צו יענע ליעדער,
הערט זיך צו — איהר וועט דערקענען
אונזער אַלטען דוד'ס תהלים...
ס'לעבט און שפּיעלט זיין אַלטע האַרפּע!
איהרע סטרונעס ניט צוריסען,
די אַקאָרדען ניט אַנטשוויגען
דורך די אונצעהליגע דורות...
שטורעמס האָבען ניט פארהילכט זי,
ימים האָבען ניט פארפלייצט זי!
אייביג איז זי, פונקט ווי אייביג
איז דעם מענשענס גייסט, זיין זעעלע,
אייביג ווי אליין דער הימעל,
אייביג ווי דאָס פאָלק פון דוד...

*   *

אַלטעס, ליעבעס פאָלק ישראל!
די לעגענדעס דיינע לעבען,
און דיין וואונדערבאַרעס לעבען
אין א הערליכע לעגענדע...

דער אייביגער איד

(נאָך פרוג)

פאַר דעם בלאַסען שיין פון לעמפעל,
איינזאַם זיצענדיג אין צימער
האָב איך אין אַן אַלטען ביכעל
דיעזע מעשה׳לע געלעזען —

„פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָדט צו שטאָדט
געהט ער ארום פארפאָלגט, פאַרוואָגעלט,
ניט וויסענדיג קיין רוה, קיין פריעדען,
קיין טרייסט, קיין האָפנונג אין זיין לעבען.

פון גאָט פאר׳משפט לעבען אייביג
זוכט איבעראל דעם טוידט אומזיסט ער.
ער געהט דורך העליש גלוטה און פייער
און בלייבט פון פלאַם דאָך אונבאַשעדיגט.

דער ים, וואָס ברעכט אין שפּענדלאַך שיפען,
וואָס שלינגט איין טויזענד מענשען-לעבענס,

פארמאַכט זיין שרעקליך מויל, זיין אַבגרונד
און זאָגט זיך אָב איהם איינצושלינגען.

דער שאַרפער שווערד, וואָס בלאַנקט געשליפען,
וואָס מיט איין ריהר דעם טוידט פאַראורזאַכט,
פון זיין צודאַרטער ברוסט דער אלטער
שפרינגט אָב אזוי ווי פון אן אייזען.
ער בעט, ער רופט דעם טוידט, אומזיסט נאר,
ער בעט! —
אָה, קיינער האָט נאָך ניט געבעטען
פון תליון'ם האַנד אזוי דאָס לעבען
ווי דיעזער אייביגער אַחאַספער
אויף זיך דעם טוידט בעט — נאר ער קומט ניט..."

* *

*

פאר דעם בלאַסען שיין פון לעמפעל,
איינזאם זיצענדיג אין צימער
האָב איך אין דעם אַלטען ביכעל
דיעזע מעשה'לע געלעזען.
פלוצלונג איז פאַר מיר א שאָטען
אויפגעשטאַנען... מיט א גראָהער
באָרד אַ איד... און מיט אַ ביטער
שמייכעל אויף די בלאַסע ליפען
טייטענדיג אין אָפ'נעם ביכעל
האָט צו מיר געזאָגט דער זקן.

„קינד ניט גלויב, ניט גלויב די שקרים
און זלזולים אָהן א צאָהל" —
האָט מיט אויפרעגונג און צאָרען
אָבגעהילכט דעם אַלטענ'ס קול.

„ניין, ניט טוידט, ניט קברים זוך איך —
לעבען, לעבען וויל איך נאָך;
גליק און פריעדען זוך איך — לעבען
א באפרייטער פון מיין יאָך.

אָה ניט איך... דאָס האָבען אַנד'רע
טוידט געזוכט פאר מיר אויף ד'רערד;
אי דורך פייער, אי דורך וואַסער,
אי דורך קייטען, אי דורך שווערד.

ניט צום טוידט בין איך געלאָפען,
נאָר פון טוידט, דו הערסט — פון טוידט!
אין מיין ברוסט האָב איך געטראָגען
ניט קיין סם, נאָר ליכט און פרייד.

ליכט און פרייד פון גאָטעס לעהרע,
וואָס פון אייביג אָן ביז היינט
האָט פון מיין צובלוטיגט הארצען
ווי א זון דער וועלט געשיינט.

ניט קיין שדים, ניין, אָה מענשען,
שלעכטע מענשען, ליעבעס קינד,
האָבען זיך נאָך מיר אין לעבען
נאָכגעיאָגט ווי ווילדע הינד...

טהו א קוק אויף מיינע וואונדען —
לעזען קענסטו באַלד אין זיי
יענע טרויריגע געשיכטע
פון מיין ליידען, פון מיין וועה.

ס׳געהען יאָהרען, ס׳געהען דורות
לאַנגזאַם זייער אייביג גאַנג...
מיינע ליידען, מיינע וואונדען
טראָג איך לאַנג, אַ זעהר לאַנג.

און בארייט בין איך צו טראָגען
זיי אויך ווייטער, אויב באַשערט;
ביז מיין קול, דער קול פון אמת
ווערט פון מענשען ניט געהערט;

ביז די זון פון ליעבע, פריעדען
בלייבט דער מענשהייט נאָך פארשטעלט —
וועט מיין אויסרוף: לעבען! לעבען!
אייביג קלינגען אין דער וועלט...״

די אייביגע חידה

(לעגענדע)

פון אַלטער יהודה אן אָבקלאַנג, א קול,
א וואונדער-לעגענדע מיר ברײנגט פון אמאָל.

ס׳רעגיערט אין ישראל דער קליגסטער פון מענשען;
און חכמה זי ווײס ניט פון לענדער קײן גרענצען;
און מענשען-חכמים אין ווײטעסטען לאַנד
באוואונדערען שלמה המלך׳ם פאַרשטאַנד.

דערהערט האָט א מלכה פון מלך דעם גרויסען,
און האָט איהרע שררות און דיענער געהײסען
זיי זאָלען מיט איהר אין זיין קעניגרײך געהן —
זיין חכמה פּרובירען דאָרט וויל זי אליין.

און זי איז געקומען
אין דעם קעניג׳ס פּאַלאַץ;
„קעניג — זאָגט זי — דו ביזט
אומעטום געשעצט;

ווערסט באטראכט אלם קליגסטער,
צווישען אלע מענשען, —
ענטפער מיר מיין חידה
וואָס איך פרעג דיך יעצט:

„וועלכעס איז דאָס וואַסער,
וואָס פליעסט ניט פון הימעל,
ניט פון פעלזען, טייכען,
ניט פון שטראָם און קוואַל;

מאַנכמאָל זים ווי האָניג
טרייסט און קוויקט דעם מענשען,
מאַנכמאָל שווער ווי שטיינער,
ביטער אָפט ווי גאַל."

ערפילט, זאָגט דער מלך, זאָל זיין דיין באַגעהר,
די תשובה פון חידה, מאַדאַם, איז א טרעהר...

*　*
*

אָה, שלמה, ווען דו זאָלסט פון קבר
צוריק זיך צו אונז יעצט אַנטפלעקט, —
א טיעפערע, שווערערע חידה
וואָלט איך דיך, אָ קעניג, געפרעגט!

איך וואָלט דיך געפרעגט: צי פארשטעהסטו
די אייביגע חידה — דיין פאָלק:
וואו נעהמט עס צו וואנדערען כחות
דורך הונדערטער דורות פארפאָלגט?

דיין פאָלק — ווי א שעפס צווישען לייבען,
וואָס זוכט ניט אַנטלויפען פון וואלד...
אַט ווערט עס צוריסען אין שטיקער,
און אַט לעבט עס ווידער אָב באלד.

דיין פאָלק, וואָס שקלאָפט אלץ נאָך ביי פרעה'ס:
בויט שלעסער, קנעט ציעגעל און ליים;
און וויל ניט פון יאָך זיך באפרייען,
און זוכט ניט קיין אייגענע היים.

דיין פאָלק, וואָס איז שטענדיג מתפלל
אויף רעגען און טהוי פיר דער וועלט;
און פלאנצט ניט קיין אייגענעם גאָרטען,
און זייהט ניט קיין אייגענעם פעלד.

אָה, שלמה, צי וואָלסטו פארענטפערט
מיין חידה, וואָס איז אזוי שווער;
צי דו וואָלסט מיר, אפשר, געגעבען
א אידישע תשובה — א ט ר ע ה ר...

צוויי מלאכים

א לעגענדע

(נאָכ'ן העברייאישען.)

אום פרייטאג, ווען די זון פארגעהט,
אונ ס'פאַלט אויף ד'ר־ערד א דרימעל,
דאַן פליהען אויף דער ערד אראָב
מלאכים צוויי פון הימעל.

איין מלאך זעהט אוים פריינדליך, ליעב,
קען יעדעם הארץ ערקוויקען;
דער צווייטער מלאך ווארפט א שרעק
מיט ווילדע בייזע בליקען.

און איבעראל אין גרעסטער שטאָדט,
ווי אין דער שטאָדט דער קלענסטער,
אין יעדען הויז, וואו ס'וואָהנט א איד —
דאָרט קוקען זיי אין פענסטער.

און ווען אין הויז איז זויבער, שעהן,
די שבת־לייכטער פינקלען,

די ווירטהין שיינט, די קינדער ריין —
עס שטראַהלט אין אלע ווינקלען;

ביים שעהן־געדעקטעןטיש דאָרט זיצט
א גליקליכע משפחה —
דער גוטער מלאך שטראַהלט פאר פרייד
און גיט דעם הויז א ברכה:

„אזוי ווי היינט זאָל פריעד ביי אייך
זיין אייביג אין גאָט'ס נאָמען".
דער בייזער מלאך קריצט די צייהן,
און זאָגט געצוואונגען: „אמן"...

נאָר אויב אין הויז איז טרויריג, וויסט,
ניט אויפגעראמט און דונקעל,
די קינדער קלאָגען, ס'שרייט דער מאַן,
די פרוי וויינט אין א ווינקעל;

מען וויינט, מען קריעגט זיך און מען שילט,
עס הערט זיך א יללה, —
דער בייזער מלאך — פייער שפריצט —
און גיט דעם הויז א קללה:

„ווי היינט זאָל אייביג קריעג ביי איין
נאר זיין, אין שטן'ס נאָמען".
דער גוטער מלאך וויינט און וויינט,
און זאָגט געצוואונגען: „אמן"...

מי מריבה

...און דער מדבר־צין אויף מיילען
אויסגעשפרייט ליגט גרויזאם ווילד;
אומעטום דאָס אויג וואו ס'קוקט נאָר
זעהט דאָס זעלבע וויסטע בילד.

דאַרע בוימלאך, ווילדע גראָזען,
זאָמד און שטיינער איבעראל;
זיילען שטויב ביז צו די וואָלקענס,
נאָר קיין איינציג שטראָם, קיין קוואל.

און עס גליהט די זון פון אויבען,
און עס שטיקט די שווערע לופט,
און דאָס פאָלק פאַרמאַטערט, דורשטיג
שרייט צו משה'ן, וויינט און רופט:

„משה, אונזער העלד און פיהרער,
זעה, וואו האָסטו אונז געבראכט!
זעה, די עופּה'לאך ווי הילפלאָז
ליעגען דורשטיג און פארשמאַכט.

ביי די אויסגעצערטע מוטערס
דאַרע, איינגעשרימפּפּטע בריסט,
אָהן א טראָפּען פרישעס וואסער,
אין א מדבר, ווילד און וויסט..."

„וואסער, וואסער, גיב אונז, משה!"
שרייען קולות אָהן א צאָהל;
און דער גרויסער ג ר י י ז פאַרטראַכט זיך, —
און פון הימעל רופט א קול:

„משה, זעהסטו יענעם פעלז דאָרט,
יענעם אַלטען, גרויסען שטיין —
געה און רייד צו איהם מיט גוטען,
געה און רייד — ער וועט פאַרשטעהן...

„בעט איהם, ער זאָל געבען וואסער —
פון א גאנצען פאָלק דאָס שמארץ
דאַרף באריהרען, דאַרף באוועגען
אויך האַרטעס שטיינען-הארץ..."

נאָר פאַרזינדיגט האָט זיך משה:
טיעף געריהרט פון פאָלקס געוויין —
ניט גערעדט האָט ער — געשלאָגען
אויף'ן הארטען, אלטען שטיין...

און גאָט'ס שטים האָט באַלד געדונערט:
משה! האָסט באַנוצט דיין האַנד
אנשטאַט ווייכע, מילדע ווערטער —
ועסט ניט קומען אין מיין לאַנד!..."

* *

*

גרויסער ריכטער, הימעלס-ריכטער!
זעה, מיר וואַנד'רען ווי אַמאָל
אין א וויסטען, ווילדען מדבר,
צווישען שלאַנגען אָהן א צאָהל...

הילפלאָז זיינען מיר, פאַרמאַטערט
גרוים און טיעף איז אונזער שאַנד;
קיינער רעדט צו אונז ניט — אלע
שלאָגען, שלאָגען נאָכאַנאַנד...

עלענד זיינען מיר ווי שטיינער,
און מען שלאָגט, מען שלאָגט אָהן סוף...
גרויסער ריכטער, הימעלס-ריכטער,
וואו איז ענדליך ז י י ע ר שטראָף?...

אין גן־עדן

וואו זיינען די שעהנע, די גאָלדענע טרוימען
וואָס האָבען מיין קינדהייט באגליקט;
מיט צויבער־געשטאַלטען, פאר'כשופ'טע בילדער
מיין קינדערשע זעעלע ענטציקט?

וואו איז ער מיין גלויבען? האָט איהם דען דאָס לעבען
פון מיר שוין אויף אייביג גערויבט?
וואו זיינען די הערליכע מעשות וואָס איך האָב
אין קינדהייט געהערט און געגלויבט...

* * *

אָט זעה איך דעם לוסטיגען, שעהנעם גן־עדן
אויף מיילען און מיילען פארשפרייט;
מיט גינגאָלד באַגאָסען, מיט פאַלמען און מירטען
פארפלאָנצט אין דער לייננ, אין דער ברייט.

און רייהען פון בוימער מיט גאָלדענע פרוכטען —
זיי ציהען אונענדליך זיך לאַנג;
און פייגלאך פון שטראַהלענדע הימעל־קאָלירען
ערפילען די לופט מיט געזאַנג.

און טויערען הויכע, באַזעצט מיט בריליאַנטען,
פון הימעל־מלאכים באַוואַכט־;
מיט חופּות און קרוינען און בלומען־גירלאַנדען
באַציערט איז דער גאָרטען — א פּראַכט!

און ברעגלאָזע טייכען פון מילך און פון וויינען,
פאַרשפּרייטען ערקוויקענדען דופט:
מיט נעקטאַר פון בשמים און זאַנפט פון געווירצען
איז פולֿ אָנגעזעטיגט די לופט.

און שטראָמען פון ליכט און פון שטראַהלען באַגיסען
דעם גאַנצען פאַר׳כשופ׳טען רוים...
אין מיטען פון גאָרטען שטעהט שטאָלץ ווי א גבור
פון אייביגען לעבען א בוים...

און אדם און חוה שפּאַציערען געמיטליך
דאָרט אין די אַלעען בייגאַנד;
ס׳איז ליכטיג און וואַרים — זיי דאַרפען קיין קליידער,
זיי פיהלען, זיי וויסען קיין שאַנד..

„געניסט דאָ פון אַלעס" — א שטימע פון הימעל
רופט אוים צו דער גליקליכער פּאָר —
„די בוימער פון וויסען און אייביגען לעבען
זיי זאָלט איהר ניט אָנריהרען גאָר"!...

דאָך ס׳האָט זיך פאַר׳גנב׳עט טיעף ערגעץ אין האַרצען
בײַ חוה׳ן א זינדיג פאַרלאַנג:
זי האָט זיך אין גאָרטען באַקענט מיט א בריאה —
א קלוגער, צוויי־פיסיגער שלאַנג...

„וואָס נוצט אײַך דער גאָרטען, וואָס נוצט אײַך דער הימעל,
וואָס שיינט אזוי שעהן, אזוי העל, —
אויב ניט צו געניסען פון לעבען און וויסען,
דאַן איז דער גן־עדן א העהל...“

*　　*

*

פאַרשוואונדען די גאָלדענע, שעהנע חלומות,
וואָס האָבען מײַן קינדהייט באַגליקט;
מיט צויבער־געשטאַלטען, פאַר׳כשופ׳טע בילדער
מײַן קינדערשע זעעלע ענטציקט...

אויפ׳ן גײעג

ביי דעם פריץ פאָן בראָוויצקי
זיינען געסט... דאָרט שיינט און גלאַנצט;
ס׳שפּיעלען פּיאַלען און טימפּאַנען,
א ציגאַנקע זינגט און טאַנצט...

הילכיג קלינגען די באָקאַלען,
ס׳פליסט שאַמפּאַניער אָהן א ברעג;
ס׳האָט דער פריץ איינגעלאדען
זיינע שכנים אויף געיעג.

צום געיעג אויף וועלף און בערען
לאַנג האָט ער זיך פאָרבערייט,
אלס א יעגער לאָזט זיך הערען
פאָן בראָוויצקי וויט און ברייט —

און די געסט מיט ווילדע יאַכט־הינד
שטעהען פאַרטיג ווי צום שלאַכט...
שנירען אייליג צו די פעלצען
און מאַרשירען אויף דער יאַכט.

* *
*

שוואַר־פאַרצויגען איז דער הימעל
און דער פראָסט איז ברענענד־שטאַרק ;
ערטערווייז בלאָזט אויף דער שטורעם
שנעע אין קופּעס ווי א באַרג...

הינטער וואַלד, דאָרט אויף א שטעגעל,
איינגעהייקערט,שוואַך און מיעד,
קוים ער קען די פיס באַוועגען
שלעפּט זיך וואַנקלענדיג א איד.

אין א דאָרף האָט ער געאַרבייט,
האָט געגעהט א גאַנצע וואָך,
און אהיים געהט ער אויף שבת
אויסצורוהען פון זיין יאָך.

און ער חלום׳ט פון זיין היים יעצט,
קעמפּפענד קעגען שנעע און ווינד ;
ס׳וואַרט אויף איהם זיין ווייב זיין טרייע,
ס׳וואַרט אויף איהם זיין איינציג קינד.

*　　*

*

ס׳באַווייזט זיך א פריץ, א צווייטער,
ס׳באַווייזט זיך בראָוויצקי אויך באַלד ;
ס׳פארנייגט זיך דער איד מיט הכנעה,
באגריסענד די פּריצים פון וואַלד...

דער פריץ דערזעהט איהם און רופט צו
די געסט מיט א הייטערער שטים.
א איד! האַ! האַ! האַ! — מיינע הינטלאך,
זיי וועלען א שפּיעל טהון מיט איהם...

ס'זאָל קיינער ניט וואַגען צו העלפען
דעם זשיד וואָס האָט קריסטוס געקרייצט!
און באלד אויף'ן הילפלאָזען אידען
האָט ער זיינע הינד אָנגערייצט.

עס לאָזט זיך דער עלענדער לויפען
פארצווייפעלט, מיט אימפעט, אין וואלד...
אומזיסט! אָה די הינד לויפען שנעלער —
זיי האָבען איהם אָנגעיאָגט באַלד.

זיי האָבען צו ד'רערד איהם געוואָרפען,
פון פריץ'ס געלעכטער באגלייט;
ארום איז דער שנעע באַלד געוואָרען
צושמאָלצען און אָבגעפארבט רויטה...

*

*　　*

ס'קלינגט א הילכיגער געלעכטער,
יעדעס פנים שטראַהלט פון גליק;
ס'געהען יעצט די בראַווע פריצים
פון געיעג אהיים צוריק.

אָך, די יאכט האָט פאַן בראָוויצקי
אויסגעצייכענט פאַרבעררייט ;
ניט אומזיסט לאָזט ער זיך הערען
אין דער סביבה ווייט און ברייט...

נאר ביים וואלד דארט נעבען שטעגעל,
וואו דער שנעע אלץ שיט און שיט, —
שטום, פארגליווערט, האַלב פאַרשאָטען,
אָהן באוועגונג ליעגט דער איד.

*   *
*

ווארעם, ליכטיג איז אין הייזעל,
ווייט פון וואַלד א מייל,
און א יונגע פרוי אין פענסטער
קוקט דאַרט אלע וויל...

און מיט צערטליכקייט צום הארצען
דריקט זי פעסט איהר קינד ;
זי ערוואַרט איהר מאַן אויף שבת,
שפעט ! און ס'רוישט א ווינד...

„גאָט ווייסט וואָס מיט איהם איז, גאָט ווייסט !
אַך, ער אַרבייט שווער...“
און עס רינט אראָפּ פון אויג איהר
אויף'ן באַק א טרעהר.

פלוצלונג עפּענען די טהיר אויף
מענשען מיט א געוואַלד:
„א דערפראָרענעם געפונען
האָבען מיר אין וואַלד.

„א צוביסענעם... נאר ס׳דאַכט אונז —
איז דאָס דיינער?... זאָג!“
און די פרוי באַלד אויף׳ן קדוש
וואַרפט זיך מיט א קלאָג.

דער לעצטער וואונש

אין אן אָרים, קליינעם צימער
אויף זיין קראנקען־בעט
ליעגט אן אַלטער מאַן, א חולה,
דאַר ווי א סקעלעט;

אַטהעמט שווער און אַלע ווײלע
הייבט זיך הויך זיין ברוסט;
קענטיג ער וויל עפּעס ריידען,
נאָר עס שטיקט דער הוסט.

דונקעל איז אין קליינעם צימער,
קוים, קוים ס'צאַנקט א ליכט,
און עס פאַלען בלאַסע שטראַהלען
אוי'ן מאַן'ס געזיכט.

אין א ווינקעל זיצט א זקנה
אָנגעשפּארט אָן וואַנד,
פון די אויגען טריפען טרעהרען,
טריפען נאָך אַנ־אַנד.

ענדליך הייבט זיך אויף דער חולה
ווינקט דער פרוי צו איהם,
ווענדעט אָן די לעצטע כחות,
רעדט מיט שוואַכער שטים:

„קום אַהער, מיין טרייער חבר,
קום מיין פרוי צו מיר;
זעגנענדיג זיך וויל איך ריידען
נאָך אַמאָל מיט דיר.

„עהרליך האָסטו מיך אין לעבען,
ליעבע פרוי, באגליים.
ביזט געווען אין גליק א חבר
און א פריינד — אין נויטה.

„איך בין אויך דיר טריי געוועזען —
זאָגען מעג איך יעצט —
ווי א וואהרע אשת-חיל
האָב איך דיך געשעצט.

כ'האָב פון דיר קיין זאך אין לעבען
קיין מאָל ניט פארהיילט,
כ'האָב מיט דיר אי פרייד אי ליידען
אויף דער העלפט געטהיילט.

„איין וואונש אָבער האָסטו, ליעבע,
אפשר ניט געוואוסט,
וואָס געלעגען איז באַהאַלטען
טיעף ביי מיר אין ברוסט;

„וואָס באגלייט האָט מיך אין לעבען
ווי א שעהנער טרוים...
אַך, מיין ליעבע, כ'האָב געגאַרט זעהן
אונזער אַלטע היים.

„אויף דער עלטער חאָטש דאָרט זיין ווען,
האָב איך אליץ געדיינקט.
כ'האָב מיין גאַנצען, גאַנצען לעבען
נאָך דער היים געבייַנקט — —

„כ'האָב געהאָפט נאָך זעהן דעם הימעל
וואו די זון בעגינט,
וואו די ערד, ווי גאָט פארזיכערט,
מילך און האָניג רינט.

„כ'האָב געהאָפט זעהן יענע פעלדער
וואו דער קעניג־הירט,
אונזער דוד, האָט אַמאָל דאָרט
שעפּעלאך געפיהרט

זעהן דעם כרמל און לבנון
און דעם שרון-טהאָל,
וואו עס האָבען אונז'רע זיידעס
זיך געשטיפט אַמאָל.

„זעהן די הייליג-ליעבע ערטער
אָון די קברים, וואו
ס'רוהען מלכים און נביאים
זייער אייביג רוה.

„וואו א קוועלע פון זכרונות
מיט דעם ירדן פליסט — —
אַך ווי וואָלט איך יעדען בוים דאָרט,
יעדע בלום געגריסט.

„כ'וואָלט, מיר דוכט, מיט פריידען-טרעהרען
פייכט געמאַכט די ערד;
כ'וואָלט — — נאר אַך, אומזיסט, מיין לעבען,
ס'איז מיר ניט באַשערט — —

„דאָך וויל איך דיך איצטער בעטען
ליעבע, גוטע פרוי,
אויב דו ווילסט איך זאָל געפינען
חאָטש אין קבר רוה

„פֿאָלג-זשע מיך און נעהם פערקויף אוים
אלעם ביז א זיים;
קלייב צוזאַמען אויף הוצאות,
פֿאָהר אוועק אהיים.

„נ׳רים דאָרט יעדען טהאָל און בערגעל,
קומענדיג אהין,
און זיי גריסענדיג, געטרייע,
האָב מיך אויך אין זין.

„איז באַשערט זיך אונז צו שיידען
אין א פרעמדען אָרט —
אייניג אונזערע נשמות
וועלען בלייבען דאָרט.

„כ׳קען, מיין פרוי, יעצט פיעל ניט ריידען,
פיהלסט עס אין מיין קול;
האָסט געפאָלגט מיך אלץ אין לעבען, —
פאָלג צום לעצטען מאָל...“

און געפאַלען איז דער חולה
מאַכטלאָז אויף זיין בעט,
ווי פארזיעגעלט אויף די ליפען
מיט זיין לעצט געבעט.

און די אַלטע האָט געשטאַמעלט,
קוים מען האָט געהערט:
„ס'ווערט מקוים, גאָט, מיין חלום — —
כ'פּאָהר — — ס'איז באַשערט — —

*　　*

*

דונקעל איז אין קליינעם צימער,
קוים־קוים ס'צאַנקט די ליכט,
און א שמייכעל ביי דעם גוסס
שוועבט אויף'ן געזיכט.

פער׳כשופ׳ט

האָט איהר געהערט, פריינד, ווי אזוי
אַמאָל ניט-גוטע פלעגען
פארפיהרען רייזענדע און זיי
פאַרמוטשען אויף די וועגען.

„אַט רופט מען אייך אין שול אין וואַלד...
אַט ליגען שאָף געבונדען...
אַט רעדט א מענש — און שטעלט אוים באַלד
א צונג און ווערט פארשוואונדען...“

ווי א ניט-גוטער אין זיין נעץ
דאָם לעבען האָט פאַרנאַרט מיך;
ווי א מכשף,ווי א לץ
ביי נאַכט אין וואַלד פאַראשפּאַרט מיך...

פאַרשפּראָכען מיר א פריידען-וועלט
פון זונען-שיין און ראָזען,
און האָט א צונג מיר אויסגעשטעלט
און מיך אין וואַלד געלאָזען...

יעצט וואַנדעל איך וואַלד איין, וואַלד אויס —
דעם וואַלד'ס אַ שטומער וועכטער;
און וואו איך ווענד זיך הער איך בלויז
א טייפעלשען געלעכטער.

און פינסטער איז ארום; איך שפיר
א שרעק, אַן אימת־מות,
און לצים שפּיעלען זיך מיט מיר
און טרייבען בייז קאַטאָוועס.

אַט דוכט זיך מיר: אין מיטען וואַלד
וואַקסט פּלוצלונג אויס א בנין.
א קול פון דאָרטען רופט און שאַלט
מען בעט מיך צו א מנין...

איך קען דעם קול! אין קינדהייט האָט
גערופען מיך דער זעלבער...
איך לויף, איך קום... לסוף, אַך, גאָט!
דאָס שרייען איינפאך קעלבער...

אַט דוכט מיר: כ'הער א מאַן, א העלד
רעדט צו א מאַסע מענשען
פון פרייהייט, גלייכהייט, פון א וועלט
פון ליעבע אָהנע גרענצען...

ווי שעהן ער רעדט! נאַטור ווי פיעל
באַשאָנקען האָט מיט רייץ איהם!
ווי וואהר, ווי גוט!... און פּלוצלונג כ׳פיהל —
דאָס שפּיעלען זיך נאַר לצים...

אָט זעה איך נעבען זיך א פרוי,
זי וואַרפט אויף מיר א צויבער:
די אויגען מילד און טיעף און בלוי —
איך קוק אויף איהר — און גלויב איהר...

איך עפען איהר מיין שווער געמיטה,
ענטדעק איהר מיינע וואונדען...
זי הערט, זי פיהלט, און פּלוצלונג גיט
א לאַך און ווערט פאַרשוואונדען...

וואַלד איין, וואַלד אויס — איך געה און זוך
א וועג — וואָס איז די פעולה?
צי ווייסט איהר, אפשר, ווער א שפּרוך,
א פסוק, צי א סגולה.

איך זאָל מיך קענען רעטען באַלד
און קומען צו א ישוב,
באַפרייט זיין פון דעם לעבענס-וואַלד
און פון זיין בייזען כשוף...

פון עולם התהו

עס האָט דער בעל־חלום ווייט־ווייט מיך געטראָגען
און האָט מיך געבראַכט אין א טהאָל:
עס האָבען דאָרט מענשען ווי שאָטענס געוואַנדעלט,
פון דאָרט האָט געקלונגען א קול.

„מיר שוועבען אין עולם־התהו,
מיר זעהען קיין אויסוועג, קיין ברעג,
און שלעפעריג ציהען זיך לאַנגזאָם
ווי יאָהרען די נעכט און די טעג.

מיר גיבען ניט אָב זיך קיין חשבון,
ווי מענשען וואָס וואַנדלען פון שלאָף:
מיר פרעגען ניט וואָס וועט זיין ענדליך
פון אייביגען וואָגלען דער סוף.

מיר זיינען געוועזענע מענשען,
וואָס זיינען געוואָרען פאַרשטיינט;
אָהן האָפנונג, אָהן שרעקען — מיר זיינען
צו רוה און צו שטורעם געוויינט.

פארגליווערט אין עולם-התהו
איז לאַנג אונזער מענשליכעס הארץ:
מיר האָבען קיין אמת'ע פריידען,
מיר פיהלען קיין אמת'ען שמערץ.

ניט גליקליך איז מעהר אונזער שמייכעל,
ניט אמת, ניט היים אונזער טרעהר,
ניט איינג און ניט גראם איז די וועלט אונז,
דאָס לעבען פאר אונז אָהן א צוועק.

מיר זיינען צום שיקזאל גלייכגילטיג,
אונז פרייהט ניט, אונז שרעקט ניט קיין זאַך.
מיר קענען שוין טיעפער ניט פאַלען,
און זיינען צו שטייגען צו שוואַך.

מיר טראכטען ניט פון אונזער מאָרגען,
אונז קימערט אויך ניט אונזער היינט;
מיר קענען קיין שונאים ניט האַסען
און קענען ניט ליעבען קיין פריינד.

מיר האָפען אויף פריהלינג ניט מעהרער,
מיר האָבען פאר ווינטער קיין שרעק;
א הערבסט אן אונענדליכער ציהט זיך
דאָסלעבען פיר אונז אָהן א צוועק.

מיר זיינען אי שקלאַפּען אי פרייע,
מיר ווערען געלויבט און געשענדט;
און אומעטום גרים און תושבים —
ביי זיך אין דער היים — אין דער פרעמד...

מיר זיינען „געוועזענע“ מענשען
פארגליווערט איז לאַנג אונזער האַרץ;
מיר האָבען קיין אמת׳ע פריידען,
מיר פיהלען קיין אמת׳ע שמערץ...!“

דער וועכטער

ער גערט אין שנעע, אין קעלט און רעגן,
ער ווייס פון שלאָף און רוהע ניט;
דעם מענשענס לעבען און פארמעגען
וואַכט ער, און אויף די שטומע וועגען
קלינגט אָב זיין ליעד:
און וואַך, איך היט!

עס שלאָפט די ערד, עס טרוימט דער הימעל,
עס רוהט די וועלט פון לעבען מיעד;
עס דרימעלט יעדער זאַנג און בלימעל —
ער איינער ווייס נאר ניט פון דרימעל
און ס'קלינגט זיין ליעד:
איך וואַך, איך היט!

פון מענשען-זיהן און מענשען-טעכטער,
ווען שלאָף די ברעמען האָט פאַרשמידט,
דאַן קומט דער מענשענפריינד דער עכטער,
דער אייביג-וואַכענדיגער וועכטער,
און ס'קלינגט זיין ליעד:
איך וואַך, איך היט!

ער קומט צוזאַמען מיט די שטערען,
די נאַכט דערקענט שוין זיינע טריט;
דעם מענשענס גליק זאָל קיינער שטערען,
און ביז ס'וועט טאָג און ליכטיג ווערען
קלינגט הויך זיין ליעד:
איך וואַך, איך היט!

און זעהט ער וואַלקענס-רויך באַדעקען
די ערד, און פונקען שטייגען אויף...
דאַן טהוט ער אויך זיין פפליכט אָהן שרעקען —
ער זינגט ניט מעהר — ער הויבט אָן וועקען,
און ס'הילכט זיין רוף:
שטעהט אויף, שטעהט אויף!

אויף גאָלדפאַדען׳ס קבר

נאָך א שטערען איז פארלאָשען
וואָס אין גהעטאָ האָט געשיינט!
אונזער אלטע מאמע־לשון
האָט פאַרלאָרען נאָך א פריינד...

איינעם פון די בעסטע איהרע,
וואָס האָט טריי געדיענט איהר לאַנג,
איהר אוועקגעשיינקט זיין לירע,
איהר געווידמעט זיין געזאַנג.

ניט געקינסטעלט, ניט געפליגעלט
איז געוועזן זיין אידיש ליעד,
דאָך ווי קונציג אָבגעשפיגעלט
האָט אין דעם זיך טריי דער איד!

מיט זיין האָפען און זיין שטרעבען,
זיינע פריידען און זיין שמערץ,
און זיין ביטער אידיש לעבען,
און זיין וואַרים אידיש האַרץ...

דורך דעם לאַנגען גלות־וואַנדלען
האָט ער אונז באַגלייט אלם פריינד,
נאָך פון „ראָזינקעס מיט מאַנדלען"
ביז דעם „דור הפלגה" היינט...

פון די היינטיגע „בן־עמי'ס"
פון „בר־כוכבא'ס" פון אַמאָל,
פון דער הערליכער „שולמית"
האָט געקלונגען אונז אַ קול.

האָט געקלונגען ווי א חידוש,
ווי פון אַלטער היים א ג'רים...
אַך, ווי וואַרים און ווי אידעש,
אַך, ווי טרויעריג און זים...

ניט געמאָסטען, ניט געוויגען,
אָהנע ריטהם און אָהן צעזור
האָבען זיי אונז צוגעצויגען
ווי די מעכטיגע נאַטור.

יענע ליעדער וואָס געקלונגען
האָבען פרעהליך און באַטריבט...
וואו האָט מען זיי ניט געזונגען,
וואו האָט מען זיי ניט געליעבט?...

ס'האָט א איד געזיפצט גאָר גרינגער,
זינגענדיג גאָלדפאָדען'ס א ליעד...

— — — — — — — — — — — — —

שלאָף-זשע רוהיג, ליעבער זינגער,
לאַנג דיך ליעבען וועט דער איד!...

מיין שכן

אין מיין הארצען וואוינט א שכן,
וועלכער הייסט בטחון,
און ער האָט מיר טויזענד גליקען
דירה־געלד פאַרשפּראָכען.

כ'האָב דעם שענסטען הארצען־צימער
איהם אָוועקגעגעבען,
און אָט וויינט ער זיך באַקוועם דאָרט
באַלד א האַלבען לעבען...

גראָם געווען איז אין מיין האַרצען,
ווען ער איז געקומען,
אויסגעצירט האָט ער זיין וואוינונג
איבעראל מיט בלומען:

אויסגעהאנגען האָט ער דאָרטען
וואונדער־רייכע בילדער...
יעדען טאָג האָט ער געצייגט זיך
ליעבער מיר און מילדער.

דירה־געלד האָט ער פאַרשפּראָכען
טויזענדער אנטיקלעך:
צוגעזאָגט דעם גאַנצען לעבען
מיך צו מאַכען גליקליך...

כ'האָב געגלויבט איהם — כ'בין געווען נאָך
יונג און אונערפאַהרען:
ניט פאַרדעכטיגט, אז ער וועט מיך
אזוי גרויזאַם נאַרען...

יאָהרען זיינען דאָך פאַרגאַנגען —
און מיין פאַלשער שכן
וויל קיין דירה־געלד ניט צאָהלען —
האָט זיין וואָרט געבראָכען...

כ'הויב אָן חושד זיין — ער וויל מיך
נאַרען אייביג, אייביג...
אָבגעלאָזען וועדט זיין צימער,
דונקעל, אלט און שטויביג...

אָבגעבלאַקעוועט די בילדער
און פאַרוועלקט די בלומען...
און ניט־ווילענדיג מחשבות
טרויעריגע קומען...

אַך, ווער קען אַן עצה געבען:
זאָל איך איהם פאַרטרייבען?
זאָל איך לאָזען אָהן געצאָהלט איהם
אייביג ביי מיר בלייבען?

פאַלש איז ער — און דאָך, איך וויים ניט
וואָס מיט מיר דער מעהר איז:
איהם ארויסטרייבען פון האַרצען —
אַך, ווי שווער, ווי שווער איז...

דער „גרינער“ אין לאָנדאָן

פאַר מיין פענסטער יעדען מאָרגען
גערהט ער מיט זיין „בערע“
אויף זיין פּנים ליגען זאָרגען
טרויעריגע שווערע.

און די קנייטשען פון זיין שטערען
אָהנע ווערטער רעדען
פון א קאַמפּף א לאַנגען, שווערען.
לעבענס־לאַנגע ליידען.

אַנגעשראָקען־רויטע אויגען,
באַקען דאַרע, בלאַסע;
שלעפּט זיך תמיד איינגעבויגען,
שטופּענדיג זיין משא.

שטופּט און קוקט אַהינטער: טאָמער
ערגעץ פאַלט א שטיין איהם;
ס'הילכט זיין ניגון ווי א יאָמער,
ווען ער רופט די קונים.

דאָך די קונדען קומען זעלטען
— גאָלדענע מדינה! —
ס'לויפען שקצים, זידלען, שעלטען,
שרייען: „לוק, א שינע“

זיינע פייכטע אויגען קוקען
צאָרניג און פארביטערט;
ער בויגט טיעפער איין זיין רוקען,
שלעפט זיך קוים — און ציטערט.

שווער צו געהן... די רעדער סקריפען...
ס'פלאָנטען זיך די פאָלעס...
עפעס שעפצען זיינע ליפען —
תפלות — אָדער קללות...

דאָס ליעד פון לעבען

געווידמעט י. פ.

דו זאָגסט, אז האָפנונג איז א שלאָף-טרונק,
וואָס געטער האָבען אויסגעקלערט,
אום צו פארשלעפערען די מענשען
אין גרויסען קראַנקען-הויז — די ערד.

— צו שווער און איילינ איז דיין אורטהייל,
צו דונקעל איז, אָה פריינד, דיין בליק:
באַמערק, אז דורך דעם טהאָל פון לעבען
פליסט פריי א שטראָם פון פרייד און גליק.

ניט אלע פרוכטען זיינען ביטער,
ניט אלע בלומען זיינען סם;
דו זאָגסט דאָס לעבען איז א ים נאר —
דאַן קלייב די פערעל פון דעם ים.

און גלייכסטו צ ודי וועלט צום מדבר —
דאַן רוה זיך אָב אין אָאזיס,
וואו בלומען דופטען, שטראָמען פליסען
און פויגעל זינגען צוויבער-זיס.

ניט יעדער שמייכעל איז געקינסטעלט,
נים יעדעס הארץ איז קאלט ווי אייז;
די וועלט איז נים א שווערער טעות,
דאס לעבען נים א ווילדער גרייז.

געמאסטען האט נאך קיינער, קיינער
דעם מענשענס גייסט און זיין געדאנק;
און טוגענד, ליעבע, גליק און פריידען —
זיי זיינען נים קיין פוסטער קלאנג.

און איז דער הימעל היינט פארכמארעט,
אה ווער פארצווייפעלט נים דערפון:
אין מיריאדען העלע שטראהלען
וועט מארגען שפיעלען זיך די זון.

און זאגסטו אז דער טוידט שוין לויערט
און שארפט זיין שווערד אויף אונז ביין וועג —
דאן זאג איך דיר: ביין שוועל פון קבר
דאס לעבען פייערט ערשט זיין זיעג.

פון יעדען קערענדעל וואס פוילט היינט,
פון יעדער בלום וואס ווערט פארדארט,
וועט מארגען שפראצען נייע בליהונג,
א נייעס לעבען פריש און צארט.

ניט טוידט, נאר לעבען, פריינד, איז אייביג,
און שפעטער בליהט וואָס איצטער דאַרבט,
און שפעטער לייכט וואָס איצטער טונקעלט,
און שפעטער לעבט וואָס איצטער שטאַרבט!

* *
*

צו שווער און איילינג איז דיין אורטהייל,
צו דונקעל איז, אָה פריינד, דיין בליק:
באַמערק, אז דורך דעם טהאָל פון לעבען
פליסט פריי א שטראָם פון פרייד און גליק...

דאָס בילד

ציײכענט מײַן מײדעלע אויפ׳ן פּאַפּיער
רעדעלאַך, פּאַסעקלאַך, פּינטלאַך אָהן שיעור.
„קינד מײנס, וואָס ציײכענסטו דאָ מיט דײַן פּען?“
— באַלד וועל איך ענדיגען, וועסטו שוין זעהן...“
ס׳קינד האָט געענדיגט, געבראַכט מיר איהר בילד,
שטראַהלענדע אויגעלאַך חן׳עוודיג מילד,
שמײכלענדיג האָט זי אויף מיר אויסגעשטעלט.—
זאָגען זאָל איך אויב דאָס בילד מיר געפעהלט.
„קינד מײנס, איך וואָלט עס דיר זאָגען געוואָלט.—
ווײס איך ניט אָבער וואָס דו האָסט געמאָלט...“
אומעטיג ווערען די אויגעלאַך באַלד —
זעהסטו ניט, פּאַפּאַ, אַ טײַך און אַ וואַלד...
„קינד מײנס, איך זעה שוין, דײַן בילד איז אַ פּראַכט
טײַכען און וועלדער—איך האָב זיך פאַרטראַכט:
איך מאָל אויך בילדער; מײַן קינד, מען וועט מיך
אפשר פאַרשטעהן אַזוי גוט ווי איך דיך...“

בעלי־בית׳שע עצות

ווילסט אויף דר׳ערד אין הימעל וואוינען —
אך, אומזיסט דיין שטרעבען;
זעהסטו ניט, אָה אָר׳מער טרוימער
ווי דיך נאַרט דאָס לעבען?

אין אַ וועלט וואו אלעס וואַכט — איז
טרוימען א פארברעכען;
בעסער קויף, פארקויף און האנדעל,
וועג און מעסט און רעכען.

טהו ווי ס׳טהוען אַלע גוטע
פּראַקטיש־קלוגע מענשען:
לעבען וועסטו גליקליך — ס׳וועלעי
גאָט און לייט דיך בענשען.

גייסט, געפיהל — אך דיעזע סחורה
אויפ׳ן וועלט־מארק געהט ניט:
פאר די שעהנסטע אידעאלען
קויפסטו דאָ קיין ברויט ניט.

אין אַ הימעל־בירגער האָסטו
זיך אומזיסט פאַרוואַנדעלט:
ניט מיט טרוימען, פריינד, מיט גאָלד נאָר
ווערט אויף ד'רערד געהאַנדעלט...

*　　*
*

— גוטע מענשען אָך, איהר קענט דאָך
אַזוי וואויל פאַרשטעהן מיך...
דאָך איהר זייט מיר דאָפּעלט טהייער
ווען איהר לאָזט אַליין מיך...

אויסען זייט איהר נאָר מיין טובה —
כ'ווייס, איך פיהל עס אימער;
דאָך איך בייט ניט אויף פּאַלאַצען,
גלויבט, מיין אייגען צימער.

גאָלד און זילבער זיינען זיכער
טהייערע אַרטיקלאָך;
איך קען אָבער רייך זיין אָהן זיי
און זיך פיהלען גליקליך...

האָט אויף מיר ניט קיין רחמנות,
זאָגט ניט: איך בין אָרים;

רייך בין איך: מיין הארץ, מיין מוח
זיינען נים קיין קברים.

גאָט האָט מיר א הארץ געשאָנקען
פול מיט גייסט און לעבען;
כ׳דארף פון קיינעם קיין מתנות —
כ׳קען דער וועלט נאָך געבען...

ניט אויסגעלערענט

ווילסט זיך לערנען מאַכען ליעדער?...
קום מיט מיר צום באַרג ארויף,
זעץ זיך אויפ׳ן פעלז אניעדער,
דאָס נאַטור-בוך עפען אויף.

ז ע ה דעם פורפור-ראַנד פון הימעל
און דעם וואָלקען׳ס גאָלד׳נעם זוים,
דעם קריסטאַל-קוואַל אין זיין דרימעל,
און דעם זילבער-בלאַט פון בוים.

ה ע ר די שטילע ווייכע קלאַנגען
רונד אַרום און איבעראַל
אין די בלעטער, אין די זאַנגען,
אין דעם שטראָם און אין דעם קוואַל.

אין דעם פויזען פון די מילבען,
אין דעם ציטער פון א זאַנג...
בינד דאָס אַלעם אויף אין זילבען,
פלעכט עס איין אין וואָרט און קלאַנג.

אַך, דו ווערסט גאָר אונגעדולדיג —
הערסט ניט, זעהסט ניט, ס'הארץ איז לעער...
זאָגסט: ס'איז שווער... טאָ ווער איז שולדיג?
דעם וואָס קען עס איז ניט שווער...

גהעטא־מעלאָדיען

דו דערמאָהנסט מיך, אַז געגאַנגען,
פריינד, צוזאַמען זיינען מיר,
און פּאַרטרויט מיינע געדאַנקען,
מיינע טרוימען האָב איך דיר:

„שטאַרק און גרויס ווען איך וועל ווערען
— האָב איך האָפנונגס־פול געטראַכט —
לייכטען וועל איך ווי א שטערען
אין מיין אומה׳ס גלות־נאַכט.

ביז די פינסט׳רע נאַכט געהט איבער,
ס׳קומט א טאָג פון ליכט און גליק,
ביז ס׳ערוואַכט דאָס פאָלק אַ גבור
ווי צווייטויזענד יאָהר צוריק...״

* *
*

אַלטע גאָלדענע חלומות,
ליעבער פריינד, אומזיסט ניט וועק;
אַלעס, אַלעס ווי א טרוים איז
אין אַ נעבעל־רוים אַוועק.

אַך, ווי לייכט אין יוגענד שטרעבט זיך
און עס פליהט זיך הימעל־הויך...
ס'האָט דער חלום אויסגעוועפט זיך
און צושוואומען ווי אַ רויך...

און אָפט מאָלט זיך מיר אַן ענדע —
גרויזאַם־נוצלאָז, פוסט און שוואַרץ...
פריינד, א טרוי'ריגע לעגענדע
איז א גהעטאָ־ריכטער'ס האַרץ.

* *
*

זעהסט א קינד אין גהעטאָ שפּיעלט זיך —
קומט דיר ניט, זאָג, דער געדאַנק:
„אָרים קינד — ווי גיך ער פיהלט זיך
מיעד, ענטמוטהיגט אלט און קראַנק!

יעצט נאָך זאָרגלאָז — באַלד פאַרטרויערט,
יעצט נאָך פאָרוועַרטס — באלד צוריק;
יונג און אַלט — ביי אונז נאָר דויערט
צווישען זיי איין אויגענבליק."

פריינד, פאַרשאָלטען איז דאָס גהעטאָ,
און איך פיהל זיין פלוך אויף זיך...

בלומען וואַקסען דאָ — נאָר שפּעטע —
בליהען שעהן און וועלקען גיך...
* *
*

צי קענסטו דאָס אָרט וואו עס ווערען
די מענשען געבאָרען שוין אַלט,
וואו ס׳לייכטען נאָר פאַלענדע שטערען —
אַ רגע מען שיינט און מען פאַלט...

וואו ס׳ווערען נשמות פארלאָשען,
פארשוועכט ווערט די הייליגסטע קראפט;
וואו ס׳זיינען נביאים אָהן לשון,
וואו ס׳ווערען די פ ר י י ס ט ע פארשקלאפט;

וואו ס׳ווארט שוין דער קבר ביים וויעגעל,
מען פיהלט זיך אין יוגענד שוין מיעד;
וואו ס׳זיינען די אָדלערס אָהן פליעגעל,
די גייסטער — אין קייטען געשמידט...
* *
*

איך האָב א נשמה
אַ העלע געבראכט —
מיין פאָלק א נחמה,
אַ ליכט אין זיין נאכט;

אַ פֿיהלענדע זעעלע,
וואָס ב י י נ ק ט און וואָס ש אַ פֿ ט,
פֿון ליעבע א קוועלע,
פֿון פֿרייהייט אַ קראַפֿט

פֿול האָפֿען און שטרעבען,
פֿול פֿריעדען און פֿרייד,
וואָס קערנער פֿון לעבען
אין וועלט־גאָרטען זייהט...

כ'האָב זי אַנגעבאַטען
מיין פֿאָלק א געשאַנק —
— — — — — — — —
— — — — — — — —
אין גהעטאָ צוטראָטען
יעצט איז זי שוין לאַנג...

*   *
*

איך בין ווי א שמש געגאַנגען
צו וועקען און אַנצינדען ליכט;
אָרום איז א הימעל געהאַנגען
פֿאַרצוויגען מיט וואָלקענס געדיכט.

קיין איינציגער שטערן געוואונקען
האָט מיר און קיין איינציגער שטראהל,
ווען איך האָב די הייליגע פונקען
אין הערצער פארשפרייט איבעראל.

געגאנגען דורך שטיינער און דערנער,
ערפילענד מיין הייליגסטע פפליכט:
פארזייהענד אין הערצער די קערנער
פון ליעבע און פרייהייט און ליכט...

*   *

*

...לאַנג איז נאָך די נאכט, פריינד,
לאַנג ביז עס באגינט!
ברענט ערגעץ א ליכטעל —
לעשט עס אוים דער ווינד.

צינדט זיך אָן א שטערן
און א רגע שטראהלט —
קומט א מחנה וואָלקענס
און דערשטיקט איהם באַלד.

הויבט זיך ווער פון שלאָף אויף —
פאלט ער גלייך אָהן מאכט,
טיעף איז נאָך דער חושך,
לאַנג איז נאָך די נאַכט!...

* *
*

און אָרום און אַרום
אַך, ווי פינסטער און שטום
און די לופט, אַך, ווי שטיקענד, ווי שווער!

און איך, נאַרישעס קינד,
קעגען חושך און ווינד
בין געגאַנגען אין קאַמפף אָהן געוועהר.

אין דער נאַכט גרויזאַם-שוואַרץ
האָט דער פלאַם פון מיין האַרץ
אין מיין פינסטערען וועג נאָר געשיינט;

איך האָב ל י י כ ט ע ן ג ע װ ו אָ ל ט,
און האָב טהייער באַצאָהלט
אין אַ קאַמפף מיט אַן אונגלייכען פיינד.

ליעבער פריינד, מיך פאַרדריסט,
אַך אומזיסט, נאָר אומזיסט
איז געוועזען מיין שרעקליכער וועג

אָהן אַ סוף איז די נאַכט,
און מיין האַרץ איז פאַרשמאַכט
און פאַרלאָשען אין גהעטאָ אָהן צוועק...

שופר של משיח

שאלט דער שופר, שאלט און רופט;
און זיין קול פארהילכט די לופט:
ס'שלאָגט די שעה, מיין פאָלק, פאר דיר —
דיין ערלייזונג קלאפט אין טהיר.
ס'קראכט און ברעכט דיין גלות־קייט,
דיין משיח קומט — ער געהט!
טהיר און פענסטער עפען אויף,
און דיין גראָהע קאָפּ הויב אויף,
און שטריינג אָן דיין מיעדען בליק,
ועסטו זעהן דיין אלטען גליק.
האָסט גע'חלום'ט לאנגע יאָהר —
זעה דיין חלום אויפ'ן וואָהר.

*　　　*

*

יהודה'ס גבורים, שטעהט אויף פון דער ערד,
הויבט אויף אייער אלטען פערראָסטעטען שווערד,
מכבי, עקיבא, בר־כוכבא און נאָך,
וואָס האָבען געבראָכען דעם פיינדליכען יאָך,
שטעהט אויף! אייער קאמפף איז געקרוינט מיט ערפאָלג,

עס וואכט אויף א פרייעס, א אידישעס פאָלק.
די פעלקער וואָס האָבען געזוכט אונזער טויט
דורך פייער, דורך וואסער, דורך שאנד און דורך נויט
און צוויי הונדערט דורות מיט אונז זיך געקריעגט,
פערלאָזען דאָס שלאכט-פעלד — מיר האָבען געזיעגט!
צושמעטערט דער טהורעם פון גלות און שאַנד—
ס'לעבט וויעדער יהודה, זיין שפראך און זיין לאנד!

אינהאלט:

זייטע

פון א בריעף פון שלום־עליכם צו דער ערשטער
אויפלאגע פון „גהעטא־ליעדער“ — — — — 7

*　*
* — — — — — — — — — — — 13

צו מיין מוזע — — — — — — — — — — — 15
א גהעטא ליעד — — — — — — — — — 18
מיין געבורטס־ארט — — — — — — — — 22
דעמערונג — — — — — — — — — — — 22
א בעטלער׳ס ליעד — — — — — — — — 25
אבענד־קלאנגען — — — — — — — — — 27
זעהנזוכט — — — — — — — — — — — 28
מאטיווען — — — — — — — — — — 30
דאס צויבער־ליעד — — — — — — — — 32
ביי נכאט — — — — — — — — — — 34
צו די שטערען — — — — — — — — — 36
בענקשאפט — — — — — — — — — — 38
„מה נאה“ — — — — — — — — — — 40
מיין מאמע — — — — — — — — — — 43
טרויער — — — — — — — — — — — 46
צו מיין לעבען — — — — — — — — — 47
דער טרוימער — — — — — — — — — 49
מיין וועלט — — — — — — — — — — 51
די זינדיגע געטין — — — — — — — — 53
מיין הארץ — — — — — — — — — — 54
צו א בעטלער — — — — — — — — — 56
א ליעד — — — — — — — — — — — 58
און זאגען זיי דיר... — — — — — — — 60
מיין יוגענד — — — — — — — — — — 61
לעבען — — — — — — — — — — — 64
צום דיכטער — — — — — — — — — — 65
קינדער און ליעדער — — — — — — — — 67

זייטע

אהן א גאט — 69
צו איהר — 72
צוויי נעכט — 73
זי — 75
חלומות — 76
א פעקעל בריעף — 78
אם בעסטען — 80
פאטא מארגאנא — 82
א זומער־ליעד — 85
אין פרעמדע גערטנער — 87
מיין פויגעל — 89
אין טרוים — 91
דער נר־תמיד — 93
א פארוואורף — 99
צוויי קאטאסטראפען — 101
וואוהין (א חלום) — 105
אין שלאכט — 108
צו די „בילו" — 110
אונזער יוגענד — 112
א ליעד אהן א סוף — 116
פאגראם — 117
יהודה המכבי'ס גייסט — 129
צו די שקלאפען — 121
צו זיי — 123
דער רוף — 125
אויפ'ן וועב־שטוהל — 127
צום קאמפף — 129
די אידישע פרייהייט — 131
אין יהודה — 133
„סיידי" — 137
דאס לאנד — 139
פרהילינג — 142
ביים ברעג ים — 145
נאד פרוג — 147
דער פאעט — 148
הערבסט — 150

זייטע

הערבסט־שטימונג — — — — — — — — — — — — 152
דער טויט פון זומער — — — — — — — — — — 155
פון מיינע חלומות — — — — — — — — — — — 157
זיין ערשטער אויפטריט — — — — — — — — — 159
צוויי ריטער — — — — — — — — — — — — — 163
צום נייעם יאהר — — — — — — — — — — — 165
מיין „על־חטא“ — — — — — — — — — — — — 167
מיין סוכה — — — — — — — — — — — — — — 170
עולי־רגלים — — — — — — — — — — — — — 172
ליכטעלאך — — — — — — — — — — — — — — 175
פסח — — — — — — — — — — — — — — — — 177
צוויי סדרים — — — — — — — — — — — — — 182
שבועות — — — — — — — — — — — — — — — 186
תשעה באב — — — — — — — — — — — — — — 190
„אוי מה היה לנו“ — — — — — — — — — — — 192
משה'ס לעצטע שטונדען — — — — — — — — — 194
דוד'ס הארף — — — — — — — — — — — — — 201
דער אייבגער איד — — — — — — — — — — 210
די אייביגע חדה — — — — — — — — — — — — 214
צוויי מלאכים — — — — — — — — — — — — 217
מי מריבה — — — — — — — — — — — — — — 219
אין גן־עדן — — — — — — — — — — — — — 222
אויף געיעג — — — — — — — — — — — — — 225
דער לעצטער וואונש — — — — — — — — — — 230
פאר'כשופ'ט — — — — — — — — — — — — — 236
פון עולם התהו — — — — — — — — — — — — 239
דער וועכטער — — — — — — — — — — — — 242
אויף גאלדפאדען'ס קבר — — — — — — — — 224
מיין שכן — — — — — — — — — — — — — — 247
דער „גרינער“ אין לאנדאן — — — — — — — — 250
דאס ליעד פון לעבען — — — — — — — — — — 252
דאס בילד — — — — — — — — — — — — — — 225
בעל־בית'שע עצות — — — — — — — — — — — 256
ניט אויסגעלערענט — — — — — — — — — — 259
גהעטא מעלאדיען — — — — — — — — — — — 261
שופר של משיח — — — — — — — — — — — — 267